שנה ה'
פרשת בהעלותך
נומער 268

# קרית ברסלב בלעטל

טראמפ-מאסק חבורתא'שאפט ברוטאל צושמעטערט
גרשון קרעמער

אן עכטע שוואנץ שטריימל
ישראל דוד העסקעל

פארוואס בין איך דא אויף די דזשערני?
משה ארי' שניצלער

מעמד קבועות מזוזה ביים נייעם היכל התורה

# היכל דוד

יום טוב שבועות אין שטעטל



פרשת בהעלותך תשפ"ה • 268

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
נפתלי הירצקא וואללנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ





טראמפ מאסק צו'הרג'עט 16



מופן קיין קרית ברסלב? 17



עכטע שוואנץ שטריימל 28

8 שפיגל

12 מעשיות פון תפילה

18 געדאנקען

51 געשעעניש


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

## זמנים
בהעלותך י"ח סיון

הדלקת הנרות . 08:16
מוצאי שבת ..... 09:47

## מנחה מעריב
פרשת שלח 9:30








תשס"ה האט
משה געשריגן
מייקראסאפט
חיים האט
געיארמעט
בלעקבעררי
נחום האט
שטילערהייט
אריינגעפאקט
אין ביטקוין
למעשה העלפט
נחום חתונה
מאכן חיים'ס
קינדער.




# למעשה, וואו לייג איך מיין אלף'ל?

אינוועסט
אינוועסט ריכטיג!

*sruliHeskel

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# קומט ארויס שטימען

אזוי ווי אין די טעג קומט פאר גאר וויכטיגע וואלן פאר קאנדידאטן וואס האבן שוין ארויסגעוויזן זייער גרייטקייט צו העלפן די שטעטל ביז אהער, און וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שטיין צו הילף אויף ווייטער, האט דער ראש ישיבה געבעטן אז

## אלע איינוואוינער פון שטעטל אן אויסנאם זאלן ארויסגיין שטימען

פאר די באשטימטע קאנדידאטן וואס ווערט געמאלדן אין א באזונדערע מודעה.

זונטאג / מאנטאג / מיטוואך / פרייטאג / זונטאג פון 9:00 אינדערפרי ביז 5:00 פארנאכטס

דינסטאג מיט דאנערשטאג פון 12 מיטאג ביז 8 אויפדערנאכט ביי

50 Community Lane Liberty NY 12754

קומענדיגן דינסטאג פון 6:00 ביז 9:00 אויפדערנאכט ביי

256 Sprague Avenue Liberty NY 12754

**הנהלה**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024




נוסעים לרבינו
אומאן תשפ"ו

# ווי אזוי פארסטו צום רבין?



**באסעס** וועלן זיין צוגעשטעלט פון אלע ארומיגע לענדער פאר א מינימאלע פרייז

באשטעלט היינט אייער טיקעטס פאר די נסיעה קיין **אומאן ראש השנה!** רופט שוין און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע וועג לויט אייער באקוועמליכקייט און בודזשעט.



**נסיעה טשארטער**
דעטאלן וועלן נאכפאלגן

**טיקעטס**

**גרופ טיקעטס**
פילע אפציעס אוועילעבל באזוכט אונזער וועבזייטל אדער רופט פאר מער דעטאלן
nesiahtravel.com/trips

אייער פריינט, אלי קאליש - שלוי פינטער

845.444.TRVL
8785

נסיעה
טרעוועל

TICKETS | TRIPS | TRAVEL ITINERARIES | VACATION PACKAGES | CAR RENTALS | HOTELS

*sruliHeskel

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# די פארקערטער אותיות פון ם׳ און ס׳

## שאלה

**ווי באקאנט זענען דא אותיות מרבעות, (אפשר הייסט עס "לשון הקודש אותיות"), "רש"י אותיות", און "געשריבענע אותיות", וואס ביי אונז אין חדר האט מען עס גערופן "אידישע אותיות". וואס איך וואונדער זיך איז אזוי: פארוואס זענען די אותיות "ס" און "ם" ממש פארטוישט צווישן די "אידישע אותיות" און "רש"י אותיות" - די "ס" פון אידיש איז די "ם" פון רש"י, און די "ם" פון אידיש איז די "ס" פון רש"י. אזוי אויך וויל איך וויסן וואס איז די ריכטיגע וועג צו רופן די אלע דריי סארטן אותיות, און פון וואו עס שטאמט.**

## ענטפער

זייער אן אינטערעסאנטע פראגע. א מלמד האט מיר טאקע אמאל געזאגט אז ער מוטשעט זיך אין חדר אויסצולערנען די קינדער די "ס" מיט'ן "ם" צוליב וואס זיי זענען פארטוישט. דער אייבערשטער האט מיר דאן חונן דעת געווען, איך האב אים געזאגט אז ער קען זאגן פאר די קינדער אז די "אידישע אותיות" זענען בערך ווי די "לשון הקודש אותיות", דער "ס" איז רינדיג, און דער "ם" האט אן עק וואס דערמאנט דער "ם". און ביי די רש"י אותיות זענעןביידע אותיות די זעלבע, אבער ביים "ס" איז דא א "ס'ימן" צו וויסן אז ער איז דער "סמך"...

יעצט צו דיין פראגע פארוואס זיי זענען פארטוישט, דאס איז ווייל זיי זענען אנטוויקלט געווארן אין גאנץ אנדערע פלעצער. די "כתב רש"י" איז אנטוויקלט געווארן אין שפאניע און אין איטאליע פאר הונדערטער יארן צוריק, און איז גענוצט געווארן פונקט ווי די "אידישע" אותיות אלץ א וועג צו שרייבן אויף א גרינגע וועג. דער'ע סיבה פארוואס עס האט באקומען דער נאמען "רש"י אותיות" איז ווייל אינעם ערשטן דרוק האט מען געדרוקט דעם פירוש רש"י מיט בערך די אותיות (די אותיות זענען אביסל פארדרייט געווארן פונעם אריגינעל ווען מען האט עס געוואלט צופאסן מען זאל עס גרינג קענען דרוקן) מיט'ן ציל עס זאל זיין גרינג צו פונאנדערשיידן רש"י פון די גמרא. (מען האט נאך דאן נישט געקענט דרוקן אזויפיל סארטן אותיות ווי היינט מיט א דרוק פון א קנעפל...)

די "אידישע אותיות" זענען אבער אנטוויקלט געווארן אין בערך די זעלבע תקופה אבער אין די אשכנזישע לענדער, אין די זעלבע צייט וואס די שפראך אידיש האט זיך אנטוויקלט. דאס איז אויך גענוצט געווארן - און ווערט נאך אלץ גענוצט - בעיקר צו שרייבן.

דיביידע פלעצער זענען זיך כמעט נישט צוזאם געקומען אין יענע צייט, און דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז ביידע זאלן נעמען בערך די זעלבע זאך נאר פארקערט פאר די צווי אותיות.

ווען מען שרייבט א ספר תורה, אויב לאזט מען אויס איין אות איז דער ספר תורה פסול. דער ספר תורה מוז האבן אלע ששים ריבוא אותיות, מיר זענען אויך אזוי, דער אייבערשטער דארף יעדן איד. נישט קיין חילוק ווי נישטיג דו שפירסט זיך ביסטו א חלק פונעם ספר תורה וואס שטעלט צוזאם כלל ישראל, און דו ביסט א וויכטיגע חלק דערפון. מאך דיך נישט אוועק, אפילו דו ביסט וואו דו ביסט קענסטו נאך אלץ צוריק קומען.

וויאזוי זאל מען זיי רופן? די אותיות וואס מען לערנט אין כתה א', קען מען רופן "אותיות מרובעות" (זיי זענען מער געקעסטלט), אדער "דרוק אותיות" (אין אלגעמיין נוצט מען די אותיות ביים פרינטן). "רש"י אותיות" איז איבעראל אנגענומען עס צו רופן אזוי; און די אותיות וואס מיר שרייבן, רופט מען טייל פלעצער "אידיש אותיות", צוליב וואס דאס איז געווען די שריפט וואס אידן במשך אסאך דורות האבן גענוצט צו שרייבן אידיש, עס איז דא וואס רופן עס "כתב אשכנזי", און אנדערע רופן דאס "שרייבן אותיות" אדער "כתב יד אותיות", צוליב וואס דאס נוצט מען ביים שרייבן.

**"ישראל" נוטריקון: "י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה".**

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **יואל לאנדא** הי"ו

מו"ה **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו

מו"ה **שמוליק בלעדי** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש סיון

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

שטיצט אונזערע שטיצער:

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING

annex
hello@annexny.com • www.annexny.com • 347-853-9830



*sruliHeskel

# א בריוו צום בת היענה

א שטיקל הערה פאר'ן אנהייבן שרייבן: אויב זענט איר פון די וואס לעבן מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן און איר נעמט אייער גאנצע חיות אין לעבן פון די שיעורים און בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א דאן איז דער ארטיקל נישט פאר אייך, אנטשולדיגט מיטן גאנצן הארץ

דער ארטיקל איז פאר די וואס פירן זיך אויף ווי די בת-היענה וואס שטעקט אריין די קאפ אין דער ערד ווען א געפאר קומט איר אנטקעגן, אדער אין אונזער פאל, די וואס פרובירן צו דערשטיקן אדער פארלייקענען דעם פאקט אז דער הייליגער רבי נעמט איין די וועלט מיט א שטורעם, און דאס מערסטע וואס איז ווייטאגליך, אז זיי שלאגן זיך מיט די וואס זענען יא ביים רבי'ן און מאכן גרויס צער פאר אלע ארום.

די קומענדיגע מעשה האט פאסירט אין ראמעניע אין יאר 1989 למספרם, עס איז געווען נאך עטליכע צענדליגע יארן פון פיין און אונטערדריקונג פון די ברוטאלע קאמוניסטישע רעזשים אנגעפירט דורך דעם שרעק-אנווארפענדן דיקטאטור מיטן נאמען טשאושעסקאו (פרובירט ארויסצוזאגן שטייט און קלאר און לאזט וויסן פאר די רעדאקציע אין וועלכע מיסט איר האט געלייגט אייערע ציינער...).

די מעשה האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע צענדליגע יארן פריער, בערך אין די 1930 למספרם יארן ווען דער קליינער טשאושעסקאו איז געווען אין די בחור'ישע יארן, און דער קעניג קארל דער צווייטער פון ראמעניע (וואס איז דערמאנט געווארן דא אינעם קאלום פאראגאנגענע נומער) איז נאך געווען קעניג מיט א שטארקע פויסט, איז דאן געווען אין ראמעניע א קליינע מינדערוויכטיגע גרופע פון קאמוניסטן וואס האבן פרובירט צו איבערדרייען דאס לאנד אויף א קאמוניסטישע גיהנום. טשאושעסקאו איז דאן געווען איינער פון די אנפירער פון די קליינע גרופע וואס נאך וואס די צווייטע קריג איז פאריבער און דאס לאנד מיט אירע אלע בירגער האבן געזוכט א טויש צו טומל'דיגע צייטן, און זיך געלאזט איינרעדן אז די קאמוניסטן וועלן ברענגען רואיגקייט און סטאביליטעט צום לענדל.

טשאושעסקאו איז דאן געשטיגן אין ראנג דורך פארשידענע דריידלעך און צוביסלעך איבערגענומען מער און מער מאכט אינערהאלב די קאמוניסטישע פארטיי. ביז אין יאר 1965 למספרם איז ער געשטעלט געווארן אלס דער גענעראל סעקרעטאר פון די פארטיי וואס דאס האט פאקטיש געמיינט אז ער איז דער רעגירער פון ראמעניע.

אלס א שטארקער קאמוניסט איז ער געווארן פריינט מיט די פירערס פון די גרויסע קאמוניסטישע לענדער ווי רוסלאנד און צפון קארעא, און געשפילט פאניע-בראט מיט זיי, און פרובירט נאכצומאכן זייערע שיקונירונגען און טיראניע אויף ווי ווייט מעגליך. עס איז געקומען צו א קלימאקס ווען נאך דריי יאר זיין פירער איז ער געווען אויף א באזוך אין צפון קארעא און צוגעזען ווי אזוי דער דעמאלטס'דיגער פירער פון צפון קארעא דער דעמאלטס'דיגער קליינער קים, האלט זיינע אונטערטאנען ביים קארג מיט די שטרענגסטע מאסנאמען וואס נאר מעגליך, און פירט א מלוכה מיט די מערסט פארוויילונגען, פארטאכלעווענדיג געלטער אויף א מאסיווער פארנעם.

ווען טשאושעסקאו איז צוריקגעקומען פון צפון קארעא איז ער געווארן מער הונגעריג נאך מאכט ווי קיינמאל בעפאר, ער האט אנגעהויבן צונעמען אלע געלטער פון זיינע בירגער און זיי ממש געלאזט אויסהונגערן, ער האט אנגעהויבן בויען דעם גרעסטן פאלאץ אין די גאנצע וועלט פאר זיך, ער האט זיך אנגעהויבן רופן מיט פילע טיטלען וואס ברענגען ארויס זיין גרויסקייט.

דאס האט אנגעהאלטן פאר עטליכע לאנגע יארן.

אבער דער פראבלעם פאר די פולע דיקטאטורן וואס דערשטיקן די מאסן איז אלץ די זעלבע, אין אנהייב ווען א פירער וועט צוביסלעך אנהייבן אוועקנעמען די פרייהייט פון זיינע בירגער, וועלן זיי עס נישט שפירן אזוי שטארק און זיך נישט אנטקעגנשטעלן. ס'וועט אויסקוקן ווי דאס פאלק איז מיט אים, אבער ווען דער דיקטאטור זעט אז ס'האט געארבעט און וועט גיין ווייטער, וועלן די פשוטע שיכטן פונעם פאלק עס אנהייבן שפירן און פרובירן צו מאכן א טויש, אבער

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

## שמואל אייכנשטיין

ס'וועט נאך זיין מעגליך עס צו באגראבן. דאן וועט דער פירער ארויפלייגן נאך שווערע רעזאלוציעס, וועט דאס פאלק ווערן נאכמער אנגעהיצט, אבער זיי וועלן מורא האבן זיך ארויסצושטעלן אפן אנטקעגן דעם אויס מורא פון רדיפות און נקמה וואס דער טיראן מיט זיינע מיטארבעטער וועלן אים אנטון. אזוי וועט געווענליך קאכן אין זידן שטילערהייט אנטקעגן די רעזשים, און ווען ס'איז פארהאן גענוג ברענשטאף וועט אפילו א קליינע פונק זיין גענוג צו אונטערצינדן א רעוואלוציע.

די אויבנדערמאנטע פאראגראפע האט זיך אפגעשפילט צענדליגע מאלן אין מאדערנע היסטאריע גענוי אזוי, עטליכע ביישפילן פון רעוואלוציעס וואס האבן פאסירט פון איין מינוט אויפן צווייטן אן קיין ווארענונג פון פריער און אויפגעקאכט א פון פריער אנגעהייצטע קאשע זענען געווען אין איראן און פארטוגאל, טשעכסלאוואקיע און פיליפינעס, אלע מיט די זעלבע געשיכטע פון א דיקטאטור וואס האט איבערגעצויגן דאס שטריקל איין ביסל צו סאך.

דאס זעלבע איז געשען מיט דעם טשאושעסקאו. ער האט געפירט און געפראוועט מיט אן אייזערנעם פויסט, שפילנדיג אויף די געפילן פון די מאסן וואס האבן צוביסלעך צוביסלעך אנגעהויבן קרעכצן אביסל צו הויעך אז דער טשאושעסקאו טויג אפשר נישט. טשאושעסקאו האט געגרינדעט א ברוטאלע פאליציי קראפט וואס האט דערווארגן די שטילע געבעטן, אבער די געמיטער האבן ווייטער זיך נישט בארואיגט נאר פון אונטערן באוואוסטזיין ווייטער געמאנט און געפאדערט.

די קליינע פונק וואס האט אלעס געענדיגט איז געווען ווען אין איין געוויסע געגנט האבן די געהיים פאליציי גע'רודפ'ט א געוויסער פאפולערער פערזאן אביסל איבער די מאס, די ארטיגע איינוואוינער האבן דאס געזען אלס זייער געלעגנהייט צו ארויסקומען אנדרייען. אן קיין שום ווארענונג פון פריער האבן צענדליגער טויזנטער איינוואוינער זיך פארזאמלט אין די גאסן פראטעסטירן אנטקעגן טשאושעסקאו און זיין רעגירונג. די פראטעסטן האבן זיך שנעל פארשפרייט צו ארומיגע געגנטער ווי נאך טויזנטער וואס האבן געשפירט ווי די שטריק ווערט פארלייכטערט ארום דאס האלז האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך געלאזט הערט אנטקעגן די רעזשים.

טשאושעסקאו וואס איז דאן געווען אויף א באזוך אין איראן האט זיך שנעל צוריקגעקערט אהיים מאכן סדר, דאס ערשטע טעות וואס ער האט געמאכט איז געווען אז ער האט געוואלט ווייזן אז דער עולם איז מיט אים, און ער האט פארופן א מאסיווע ראלי אין זיין שטיצע אינעם גרויסן שטח פארנט פון די קאמוניסטישע פארטיי בנין אין דער הויפטשטאט בוקארעסט אויפן קומענדיגן טאג. זיינע יוצאי משרתיו האבן זיכער געמאכט אז אלע ארבעטער פון די רעגירונג און אלע פארטיי אנהענגער וועלן זיך געפונען ביי די ראלי אז טשאושעסקאו זאל זען אז ער איז טאקע דער באליבסטער ביים פאלק.



דער פאלאץ אין בוקארעסט וואס טשאושעסקאו האט זיך געלאזט בויען און איז ביז היינט דער גרעסטער ציוויל באנוצטער בנין אויף דער וועלט

אינעם פרימארגן פונעם ראלי האבן די פירערס פון די קאמוניסטישע פארטיי באקומען באריכטן אז צענדליגע טויזנטער בירגער פון ארומיגע שטעט זענען אויפן וועג אריין צום ראלי צו שטיצן טשאושעסקאו און זיי האבן זיך געזעצט מאכן א לחיים אז די סטראטעגיע איז געלונגען.

און טאקע ביי די גרויסארטיגע ראלי האבן די צענדליגע טויזנטער וואס האבן זיך פארזאמלט געשאלט מיט פרייד ווען טשאושעסקאו איז ארויסגעקומען אויפן באלקאן באגריסן און רעדן צום עולם.

אבער ווען טשאושעסקאו האט אנגעהויבן רעדן און אנגעהויבן בלאזן פון זיך ווי גרויס און מעכטיג ער האט אוועקגעשטעלט דאס לאנד זינט ער איז געווארן דער פירער און אזוי ווייטער, האבן זיך אנגעהויבן הערן צווישן-רופן פון די פארזאמלטע בירגער, דער דיקטאטור איז געווען אזוי שטארק איינגערעדט אין זיך אליינס אז ער האט געקלערט אז די מאסן אפלאדירן אים, אבער ווען די קולות זענען געווארן גאר הויעך און מען האט געקענט הערן אז דער עולם שרייט דא אנטקעגן אים און אז א רעוואלוציע שפילט זיך יעצט אפ אין פארנט פון זיינע אויגן, איז ער געווארן אינגאנצן שאקירט און נישט געוואוסט ווי אזוי צו רעאגירן.

ער האט פרובירט צו בעטן דעם עולם צו זיין שטיל און זיך צו בארואיגן אבער ס'האט ווייניג געהאלפן, טשאושעסקאו איז אריינגעצויגן געווארן דורך זיינע וועכטער אריין צוריק אינעם געביידע און ארויפגעפירט געווארן אויפן דאך און אוועקגעטראגן געווארן מיט א העליקאפטער ווען דער עולם האט זיך צעפירט די הענט אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר און אנגעהויבן אריינשטורמען אינעם בנין פון די קאמוניסטישע פארטיי מיטן ציל צו כאפן דעם דיקטאטור און אים לינטשן אויפן ארט.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז טשאושעסקאו געכאפט געווארן ביים פרובירן צו אנטלויפן פון לאנד און ער איז אומגעברענגט געווארן דורך זיינע אייגענע לאנדסלייט, די קאמוניסטישע הערשאפט אויף ראמעניע געקומען צו אן אפיציעלע ענדע און א דעמאקראטישע רעגירונג איז אויפגעשטעלט געווארן אויף איר ארט.

ווען די באזוכער און פארשער האבן געוואלט זען וואס איז געשען אז די מאכטפול אויסקוקענדע טשאושעסקאו אימפעריע איז צוזאמגעפאלן ווי א שאכטל קארטן האבן זיי געזען אז טשאושעסקאו איז אליינס שולדיג, ווייל אנשטאט זיך צוזאמזעצן מיט די אנדרייער און ווערן בשלום מיט זיי און זיכער מאכן זיך נישט צו קריגן מיט זיי און אזוי אנהאלטן זיין בענקל, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין א קאמף מיט א שונא וואס ער קען נישט באזיגן, און ער האט נאך עס געמאכט גרינגער פון זיי ווען ער האט זיך איינגערעדט אז ער קען נאך שפילן אז "ער האט עס", און ער האט צוזאמגערופן דעם גרויסן ראלי, ווי עס זענען אנגעקומען אלע זיינע קעגנער און זיי האבן געמאכט דעם דזשאב פון אים אראפווארפן אסאך גרינגער.

זיך גיין שלאגן מיט איינער וואס איז שטערקער, ענדיגט זיך געווענטליך גאר שלעכט.

די מעשה וואלט מען געדארפט לערנען מיט די וואס פרובירן צו פארמאכן די אויגן ווי כאילו דער הייליגער רבי מיט זיינע לעכטיגע עצות עקזיסטירט נישט און אז זיי וועלן זיך שלאגן מיט די וואס פאלגן דעם רבינ'ס עצות.

דער הייליגער רבי מיט זיינע עצות זענען נצחיות, דאס בלייבט, און אויב איר וועט צוזאמרופן דעם גאנצן עולם און פרובירן צו לאזן וויסן אז ברסלב איז נישט די ריכטיגע וועג, און נאך אזעלכע צווייפלהאפטיגע סענטימענטן וועט דאס האבן גאר דעם פארקערטן אפעקט, ביטע טוט דאס נישט.

זייט וויסן, די אפציע פון נאכמאכן טשאושעסקאו פון אונטערדרוקן יעדער וואס לאזט זיך הערן פונעם הייליגן רבי'ן, וועט האבן די זעלבע אפעקט ווי אלע אנדערע דיקטאטורן וואס האבן פרובירט צו דערשטיקן דעם דעת הקהל.

אונזער הייליגער רבי נתן יוכיח אז דוקא ער וואס איז געווען אן איידעם ביי א גרויסער מתנגד וואס האט יעדן טאג אוועקגעמאכט דעם וועג פון די חסידים, דוקא זיין איידעם רבי נתן איז דער וואס האט פארשפרייט דעם רבי'ן אויף דער וועלט, וואס ווי ס'איז נאר דא עפעס גוטס אויף דער וועלט איז דאס אין זכות פון דעם הייליגן רבי נתן וואס מען האט פרובירט אויף אלע וועגן אים צו אפהאקן פונעם רבי'ן און חסידות, צו פאר ער איז מקורב געווארן און אסאך מער נאכדעם.

אין קורצן: זיך שלאגן מיט רבי'ן וועט נישט העלפן, ס'איז א שאד די צייט, ס'וועט נאר בעקפייערן צו אייך אין פנים אריין, און אדרבה, קומט אויף טועם זיין פון דעם רבינ'ס וועג, וואס לערנט אויס לעבן מיטן אייבערשטן אויף טריט און שריט!

## זכות פרק - $1000

| | |
|---|---|
| פרק א׳ — מוה"ר **אשר יעקב בלום** הי"ו — נמכר | פרק ב׳ — מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו — נמכר |
| פרק ג׳ — מוה"ר **משה ראזענבערג** הי"ו — נמכר | פרק ד׳ — מוה"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו — נמכר |
| פרק ה׳ — מוה"ר **נפתלי הערש פארקאש** הי"ו — נמכר | פרק ו׳ — מוה"ר **שלום יצחק מאסרי** הי"ו — נמכר |
| פרק ז׳ — מוה"ר **דוד טשינגל** הי"ו — נמכר | פרק ח׳ — מוה"ר **יהודה וייל** הי"ו — נמכר |
| פרק ט׳ | פרק י׳ |
| פרק י"א | פרק י"ב |
| פרק י"ג | פרק י"ד |
| פרק ט"ו | |

## זכות מהדורה

נמכר

$5000

מוה"ר
**אשר לעמיל זוסמאן**
הי"ו

**חלק ב׳**




זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel



# מעשיות פון תפילה

## ישראל יוזשעף

ארץ ישראל

א גרויסן ישר כח פאר די ספעציעלע וועכנטליכע שיינע בלעטל פול מיט תוכן אריינגעפלאכטן מיט אלע נקודות וואס פעלט אויס צו זיין א פשוטער איד.

איך האב זייער הנאה געהאט פון די שניט וואס ר' משה אריה האט געשריבן די צוויי מהלכים אין תפילה: 1. א זאך וואס מען דארף יעצט. 2. א זאך וואס געדויערט צייט, ווי אויסרייסן א מידה. ס'האט מיר מעורר געווען צו שרייבן א מעשה פון תפילה וואס האט גענומען מן הסתם ארום א יאר צייט.

ס'איז געווען ביי מיר א תקופה פון א גוטע פאר יאר וואס איך פלעג יעדע שבת ביינאכט ביי די סעודה איינשלאפן, אמאל גלייך נאך קידוש און צומאל שפעטער, א צד השוה אז מען האט מיר געדארפט אויפוועקן צו בענטשן... ס'פלעגט זיין אזוי א שטייגער וואס איך האב זיך נישט ארויסגעזען פון דעם, איך האב ממש געשפירט ווי עפעס א נישט גוטע רוח הערשט אויף מיר אין די ענין.

וואס איך האב נאר פרובירט צו טון האט נישט געהאלפן, איך האב צוליב דעם אויפגעהערט צו ארבעטן פרייטאג, איך פלעג זיך אראפלייגן שלאפן פרייטאג אפאר שעה, און אזוי נאך און נאך.

איינמאל האב איך געהערט א שיעור פון דער ראש ישיבה וואס מען האט ארומגערעדט פון תפילה און דער ראש ישיבה האט גענומען פאר א משל אז אויב איינער שלאפט שבת ביי די סעודות זאל ער פשוט בעטן דעם אייבערשטן און אפילו ס'נעמט צייט זאל ער ווייטער בעטן און בעטן, ביז צום סוף וועט ער זען א שינוי.

איך האב געפאלגט מיט תמימות און א גאנצע וואך געהאלטן אין איין בעטן אויף דעם, אזוי א לאנגע תקופה פון ארום א יאר האב איך א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און יא! וואונדער איבער וואונדער! אן קיין שום שינויים אין מיין סדר היום, ב"ה היינט צוטאגס פאסירט כמעט נישט אזא זאך צו שלאפן ביי א שבת'דיגע סעודה, און יא איך בעט נאך ווייטער דעם אייבערשטן אויף דעם.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר אלע מאמרים אינעם בלעטל, מען וואלט געדארפט יעדע וואך שרייבן א ישר כח - והוא רחום יכפר.

## א פשוטע איד

בית שמש

שוין זייער זייער לאנג וואס איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין, איך בעט יעדן טאג אויף דעם.

איך האב געזען אין די קונטרס 'אויסדערוועלט' ווי דער ראש ישיבה שרייבט אז שבועות זאל מען מתפלל זיין אויף דעם.

האב איך שטארק געבעטן דעם אייבערשטן א גאנץ שבועות אויף דעם, און הפלא ופלא, היינט [אסרו חג] צופרי בין איך געגאנגען דאווענען אין שול, ס'האט זיך פונקט געמאכט א מנין וואס האט מיר אויסגעזען אז זיי האבן געווארט נאר אז איך זאל אריין קומען.

און ס'איז ברוך השם געווען א בעל תפלה וואס פעניעט נישט, אזוי אז איך האב מיטגעדאווענט די גאנצע צייט.

שכח אייבערשטער!

## אברהם וועבערמאן

בית שמש

איך בין ארויסגעפארן פון חוץ לארץ די וואך, און איך האב באשטעלט א קאר רענטל ביי 'בודזשעט' פון יענעם לאנד.

ווי נאר איך האב אויסגעצאלט דעם גאנצן סכום פון פאראויס האב איך באמערקט ביי די קליינע אותיות, אז ביי דעם קאר רענטל דארף מען פארמאגן לייסנס דריי יאר. די פראבלעם איז אז איך האב נאר צוויי יאר.

ביי די פלאטפארמע האב איך עס נישט געקענט קענסלען, אבער איך האב נישט געוואלט דערלייגן די געלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן עס נישט באמערקן, און איך האב צוגעזאגט א סכום געלט פאר הפצה אויב גייט עס דורכגיין אן קיין פראבלעמען.

למעשה קום איך אן דארטן, און איך געב איבער ביים דעסק דעם האלטער וואס דארטן ליגן אלע דאקומענטן, די דרייווער לייסנס, איידי קארד, קרעדיט קארד.

דער מאן וואס איז געזעצן דארטן האט אויסגעקוקט מיד. ער נעמט ארויס מיין פאספארט, איידי קארד, מאכט א בילד פון דעם, און געבט מיר גלייך איבער די שליסלען.

קוקט אויס ער האט נישט געוואוסט וויאזוי א דרייווער לייסנס קוקט אויס...

יא, תפילה איז שטערקער פון אלעס.

## אנשי שלומינו

קרית ברסלב

ווי אלע האבן מיטגעהאלטן האט מען ברוך השם צוגעבויעט א הערליכע נייע מקוה אין שטעטל, אזוי אויך א גרויסן שיינעם היכל התורה, כדי מען זאל קענען אריינקומען ווען אימער אינמיטן טאג זיך זעצן לערנען די שיעורים כסדרן אן קיין שטער פון די מנינים שחרית וואס גייט איינס נאכן צווייטן ברוך השם.

מען האט זייער שטארק געוואלט אז די שול זאל זיך קענען עפענען אויף יום טוב שבועות, אבער גאר אסאך זאכן האבן געדארפט פאסירן כדי דאס זאל צושטאנד קומען.

אנשי שלומינו האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל ווערן פארטיג אויף יום טוב, וואס דעמאלט קומט דאס צוגיין א גרויסער עולם פון איבעראל, מיטצוהאלטן דעם הערליכן יום טוב מיטן ראש ישיבה שליט"א.

שכח אייבערשטער אז די נס האט פאסירט און ממש הארט צום יום טוב זענען זאכן געפאלן אין פלאץ, און די מקוה מיטן היכל הבית המדרש האט געקענט אריינגיין אין באניץ, און ווערן געניצט פארן יום טוב.

שכח אייבערשטער.

# א פרייליכן יו"ט שבועות



עס איז זייער שווער איבערצוגעבן א באריכט פונעם געהויבענעם יום טוב שבועות צווישן אנשי שלומינו וועלכע זענען זיך צוזאם געקומען אין די בתי מדרשים פון היכל הקודש איבער די וועלט. אלע זענען געקומען מיט א גרויסע שמחה ווידער צו מקבל צו זיין די תורה, און זיך אויפפרישן מיט די שמחה אז מיר זענען אידישע קינדער, וואס קענען מקיים זיין די תורה ומצוות.

דא ווילן מיר איבערגעבן א קורצע באריכט אויפן שפיץ גאפל, וויאזוי דער יום טוב איז דורכגעגאנגען אינעם נייעם בית המדרש "היכל דוד" אינעם ברסלב'ן שטעטל, במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א.

**די ערשטע נאכט יום טוב**

דער דיין שליט"א איז צוגעגאנגען צום עמוד צום ערשטן מנחה פונעם יום טוב, און איינגעלייטעט דעם יום טוב מיט א ווארימע תפלת מנחה.

צו מעריב האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען בעל תפלה און אנגעהויבן בקול אדיר וחזק דעם "ברכו", און אריינגעברענגט דעם זיסן יום טוב'דיגן אטמאספערע אין בית המדרש. גלייך נאכן דאווענען האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע טאנץ, אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו.

**תיקון ליל שבועות**

נאך די סעודה איז דער נייער גרויסער בית המדרש ווידער פול געווארן מקצה אל הקצה - מיט זיידעס, טאטעס, בחורים און קינדער. עס איז געווען א מחזה הוד צו זען ווי אלע זיצן און מען גרייט זיך צו קבלת התורה מיט'ן זאגן דעם תיקון ליל שבועות אויף די וועג וויאזוי האט אויסגעלערנט די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע סדרה.

במשך די נאכט האט מען געזונגען אינאיינעם שיינע ניגונים פון חיזוק און אמונה, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א עטליכע מאל אויפגעטרעטן מיט זיסע דיבורים. צווישן אנדערע האט ער ארויסגעברענגט אז יעצט ווען מיר זאגן די תרי"ג מצוות דארף מען וויסן אז דאס איז אן אוצר מיט וואס מען דארף זיך זייער פרייען, מיר זענען אלע מקיים אלע מצוות, און אויב מען קען עס נישט מקיים זיין די היינטיגע צייטן זענען מיר עס מקיים דורכ'ן עס "ווילן" מקיים זיין, אזוי אויך זענען מיר מתפלל אויף די מצוות וואס מיר דארף נאך חיזוק דערויף, אז מיר זאלן זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, דער ציבור האט זיך אריינגענומען די לעכטיגע דיבורים און עס מיטגענומען מיט זיך צו לעבן דערמיט א גאנץ יאר.

**עלות השחר**

נאך די לעכטיגע נאכט, ביי עלות השחר האט זיך דער גאנצער ציבור ארויסגעלאזט אין א רקידה, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען אזוי שיין אפצורעכטן דעם תיקון, דערנאך איז דער ציבור געגאנגען אינעם נייע גרויסן מקוה און זיך

מטהר געווען, און מקבל זיין אויף זיך די גרויסע תיקונים וואס די מקוה פון שבועות פארטאגס איז ממשיך.

**די ערשטע טאג שבועות**

דער ערשטער טאג יום טוב אינדערפרי אום זיבן דרייסיג, איז דער ראש ישיבה שליט"א שוין געזיצן אינעם געשמאקן וועלדל אונטערן בית המדרש, ביי א טישל אונטער די ביימער, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט א שיינער שיעור מתובל מיט התחזקות פונעם הייליגן רבי'ן - אלץ א הכנה לתפלת שחרית, ווי אנ"ש געבן איבער האט מען געשפירט ביי דעם שיעור א טעם גן עדן, ווען דער ראש ישיבה האט נאכגעברענגט פונעם הייליגן זוהר ווי ער רעדט פון די גרויסקייט פון די הייליגע יום טוב שבועות.

דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו איז צוגעגאנגען צו פסוקי דזמרה, צו שחרית און הלל האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה שליט"א. די שיינע בענקעדיגע ניגון פון אהבה רבה האט אדורכגעלעכערט די הארץ פון אלע אין בית המדרש, אלע האבן זיך גוט אויסגעבעטן צו קענען לערנען די תורה און מקיים זיין די מצות. ווי לעכטיג און זיס און געווען ווען מען האט געהאט די זכי' צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א די בענקעדיגע ווערטער מיט'ן נאסטאלגישן ניגון "אקדמות מילין - ושריות שותא", פון וואס די הארץ איז צוגאנגען פון מתיקות. מוסף האט מען געהערט די שיינע דאווענען פון מו"ה מרדכי היימליך הי"ו.

**מעמד הסיומים**

ווי איינגעפירט אין די לעצטע יארן, קומען ארויף פילע מסיימים די ערשטע טאג שבועות נאך שחרית, אבער צוליב די ריבוי המסיימים קע"ה האט דער ראש ישיבה באשטימט מען זאל עס צוטיילן דאס יאר אויף ביידע טעג. די ערשטע טאג איז געווען באשטימט ארויף צו רופן נאר די קינדער ביז די בר מצוה וואס האבן זוכה געווען צו מאכן סיומים.

דער שיינער מעמד האט זיך אנגעהויבן מיט א הערליכע קינדער כאאר, אנגעפירט דורכ'ן מלמד מומחה מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו, און דערנאך האבן זיך געשלענגעלט א לאנג שורה פון קינדער וואס האבן מסיים געווען יעדער איינער וואס ער האט זוכה געווען, עס זענען געווען סיומים פון תהלים, חמשה חומשי תורה, גאנץ תנ"ך, פילע מסכתות הש"ס, גאנץ משניות.

בפרט האט זיך אנגעזען דער גרויסער וואונדער ווי צווי קינדער אונטער די בר מצוה, הילד נ"י בן מו"ה משה יחיאל פעלדמאן נ"י, און הילד נ"י בן מו"ה אשר בער אינדארסקי נ"י וואס האבן טראץ זייער אינגע יארגאנג זוכה געווען צו לערנען און צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

אלע האבן באוואונדערט די רייכע קהילה, וואס פארמאגט אזא רייכטום מיט וואס עס לוינט זיך אויפצוטון דערמיט, אן עשירות וואס קיינער קען נישט צונעמען. מען האט געזען די זיידעס שעפן פילע הויפענעס פון נחת און ווישן זיך די טרערן פון איבערגענומענקייט און שמחה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן מיט גאר ווארימע דיבורים, מען זאל זיך אפלערנען פון די קינדער וואס נוצן אויס זייער פרייע צייט מיט לימוד התורה, און מען זעט ווי ווייט מען קומט אן ווען מען נעמט אן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער בתמימות ובפשיטות, צו וואס יעדער קען זוכה זיין.

נאכמיטאג איז מען זיך צאמגעקומען און דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט די שטר התנאים וואס מען פירט זיך פארצולערנען. דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון דעם אז יעצט ווען מען ווייסט שוין פונעם דרך הלימוד, און מען דארף דא קיינעם נישט אויפווייזן מיט ראיות אז דער דרך הלימוד איז א וועג צו לערנען, בלייבט נאר איבער יעצט דאס מקיים זיין יעדן טאג, נעמען א חומש, א משניות און א גמרא, און פשוט מאכן זיך שיעורים.

**די צווייטע טאג שבועות**

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, דעם צווייטן טאג איז אויך אדורך מיט גרויס דערהויבענקייט, די דאווענען פונעם ראש ישיבה שליט"א האט אפגעקלינגען אינעם גאנצן היכל, אלע האבן זיך גוט אויסגעבעטן צו האבן א קשר מיט די תורה א גאנץ יאר, נישט נאר שבועות אינטערן טלית.

ביים קידוש נאכן דאווענען זענען ארויפגעקומען די בחורים מיט די טאטעס זאגן זייערע סיומים, עס האט יעדן געגעבן א שאקל אויף זיך צו מאכן א חשבון הנפש וואו מען האלט מיט די שיעורים כסדרן.

**נעילת החג**

ביי נעילת החג האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט די כתובה, דערנאך האט מען געזינגען ניגוני שבועות, דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון דעם וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים ראש השנה, שבת חנוכה און יום טוב שבועות וועט ווערן ניצול פון עולם התוהו, פרעגט איינער נו אפשר לעבן אונז אין עולם התוהו, נאר מיר רעדן זיך איין אז עכט לעבן אונז די ריכטיגע לעבן?

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אויב רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, און לערנען תורה יעדן איינציגן טאג ווערט אנגערופן ביי דיר עולם התוהו, האב איך נישט קיין שום פראבלעם צו לעבן אין עולם התוהו, אזא סארט לעבן דארף איך".

מוצאי יום טוב נאך קידוש לבנה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ פאר אריבער א שעה, זינגעדיג דעם פרייליכן ניגון פון "תורת ה' תמימה משיבת נפש" אלע האבן זיך געפריידט און געטאנצן אז מען האט די זכי' צו האבן אזא לעכטיגע ווינקל וואס מען לערנט מיט אונז אזאלעכע גוטע ניצבארע עצות פארן לעבן.

## עליונים ששו ותחתונים עלזו

אברהם ה. וועבערמאן




# טראמפ-מאסק חבורתא'שאפט ברוטאל צושמעטערט

עס איז הויך יום טוב אין די סאשל מידיע וועלט, עס טוט זיך אויף טישן און בענק, די צוויי געשוואורענע חברים דער גרעסטער בעל גאווה מיסטער דאנאלד טראמפ יר"ה דער פרעזידענט פון אמעריקע און דער ארימסטער מענטש וואס האט גארנישט אויסער געלט מיסטער אילאן מאסק האבן זיך צושלאגן ווי קליינע קינדער.

לאמיר גיין פאוואליע, און אביסל צוריק גיין.

ווען די וואלן סעזאן האט זיך געריקט נענטער און נענטער האבן צוויי מענטשן געזען אז איינער קען דא שטארק ארויסהעלפן דעם צווייטן, טראמפ האט געדארפט א שטופ, ער זאל קענען איבערקומען און געווינען די עטליכע סווינג שטאטן, אילאן מאסק האט געזען דא א געלעגנהייט צו שטופן זיין אגענדע אפצואווישן אמעריקע'ס חובות.

מיט גרויס פאמפע האבן די צווי גרויסהאלטערישע פערזאנען זיך צוזאם געשטעלט, זיי האבן ממש געשוואוירן פריינטשאפט, און מאסק האט אינוועסטירט ביליאנען פון זיין געלט צו העלפן טראמפ, בשעת טראמפ רימט אויס דעם מאסק אויף זיינע וואונדערליכע אויפטערפונגען און טעכנאלאגישע ערפינדונגען.

די לינקע שטיצער פון טעסלע האט עס נישט צו שטארק געפאלן, אבער מאסק האט אוועקגעגעבן זיין ביזנעס זיינע שטיצער אבי צו העלפן זיין חבר דעם פרעזידענט. אזוי אויך האט ער געדינט דעם פרעזידענט אלץ דער פירער פון "דאודזש" פאר די לענגסטע וואס ער איז געווען ערלויבט לעגאל, הונדערט און דרייסיג טעג.

ער האט מצליח געווען צו שניידן מיליאנען פון איבעריגע הוצאות פון די רעגירונג, אבער ער האט געוויסט אז דער עיקר געלט "ביליאנען" דארף קומען פון קאנגרעס. ווען דער פרעזידענט האט געשטופט דעם "ביג ביוטיפיל ביל" וואס האט אפגעווישט אלעס וואס "דאודזש" האט געשפארט, מיט א שמוץ אריבער, איז מאסק געווארן זייער אנטוישט, און אנגעהויבן בלאזן, "הזאת נעמי"? האט ער געשריגן, פארדעם האב איך מיך מוסר נפש געווען צו העלפן די רעגירונג אז מיין גאנצע ארבעט זאל גיין לטמיון?

פאר טראמפ איז עס זייער נישט געפאלן, "קריטיק נישט מיר", און עס האט זיך אנגעהויבן א קינדערישע פליקערײ פון איינעם צו צווייטן, טראמפ האט אנגעהויבן צו טרייבן שפאס פון מאסק, און מאסק האט צוריקגעענטפערט מנה אחת אפים, עס האבן אנגעהויבן צו פליען פליקערייען אז די גוישע מידיע גאס האט זיך באלעקט די פינגערס פון די זאפטיגע עקלדיגע לשון הרע וואס זענען געפלויגן אהין און צוריק.

"ווער איז גערעכט?" האבן אלע געפרעגט, אויב איך וועל גערענקען אז דאס אלעס איז בלויז א נסיון צו זען צי איך וועל האלטן קאפ ווער עס פירט באמת די וועלט, דעמאלט בין איך דער געווינער.

וויאזוי אבער קען דאס זיין, צוויי געשוואוירענע חברים, זיי גייען צוזאמען אריין און ארויס, זיי רימען זיך אויס איינע דעם צווייטן, לאזן אפ אלע זייערע פערזענליכע וויכטיגע זאכן, ווייל "איך האב א חבר"; אבער דער אמת איז, אין די רגע וואס די חברותא'שאפט דינט שוין נישט מיינע אינטערעסן, איז דער "בעסטער חבר" נישט מער צו געפינען, נישט נאר ער איז שוין נישט דיין חבר, ער ווייסט אפילו נישט ווער דו ביסט, און אין א סעקונדע שפעטער איז ער שוין דיין גרעסטער שונא.

**אויב האסטו א חבר - פלעגט מוהרא"ש זאגן - איז עס דיין ווייב!**





# מוּפְן קַיין שְׁטֶעטְל?!

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְרַאכְט עֶס גוּט דוּרְךְ, טוּ נִישְׁט קַיין ווִילְדֶע זַאכְן; אִין שְׁטֶעטְל קוּמֶען וואוֹינֶען - אִיז נִישְׁט נָאר הָאנִיג, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט דֶערְהַאלְטְן; בִּפְרַט וֶוען מֶען קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד - דַארְף מֶען זִיךְ גוּט בַּארֶעכֶענֶען אֵיידֶער מֶען טוּט דָאס.

טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין רֶגַע אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען בֶּעסֶער וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן לָאנְדָאן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, בַּיי יֶענֶעם אִיז דִי גְרָאז גְרִינֶער, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז בַּיי יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער, בַּיי יֶענֶעם אִיז גְרִינֶער דִי גְרָאז; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין; אִיז דֶער מֶענְטְשׁ דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר אִיבֶּעָראל פְרֵיילִיךְ, וואוּ עֶר גֵייט, וואוּ עֶר שְׁטֵייט - שְׁפִּירְט עֶר מִיט זִיךְ דִי שַׁ"י עוֹלָמוֹת, אוּן אַז נִישְׁט, אִיז וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט - שָׁאקְלְט זִיךְ אוּנְטֶער אִים דִי עֶרְד, אַזוֹי וִוי דִי קְלָלָה פוּן קַיִן (בְּרֵאשִׁית ד, יב): "נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ".

וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיךְ וואוּ אִיךְ וואוֹין, עֶנְטְפֶער אִיךְ: "אִיךְ וואוֹין אִין מַיין דִירָה, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", אוּן אַז מֶען וִויל ווִיסְן וואוּ מַיין דִירָה גֶעפוּנְט זִיךְ; מַיין דִירָה גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַמֶערִיקֶע, אִין נְיוּ יָארְק, אִין אַ גֶעגֶענְט וָואס רוּפְט זִיךְ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער וואוֹינֶען וואוֹין אִיךְ אִין מַיין שְׁטוּבּ, אוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת מַאךְ אִיךְ מַיין שְׁטוּבּ פַאר גַן עֵדֶן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן לָאנְדָאן, קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינְט יֶעדֶער אֵיינֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוֹיךְ דָארְט אוּן ווִיל אַלֶעמֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, מֶען דַארְף דָארְט אוֹיךְ אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כא): "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע, גְלוּסְטְן אוּן זוּכְן כָּבוֹד, דִי דְרֵיי זַאכְן נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן קִנְאָה, תַּאֲוָה אוּן כָּבוֹד, אָדֶער אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן, אוּן זֵיי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס זָאגְט דִי מִשְׁנָה אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, פְּשַׁט אִיז, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע וֶועלְט, זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אַ פְרוֹי הָאט אִיר מַאן מִיט אִירֶע קִינְדֶער, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע וֶועלְט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז, פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז פְּשַׁט: "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם".

מֵיין נִישְׁט אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה, בַּיי מִיר בִּיסְטוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ זָאג נָאר זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען קַיין אֵיין רֶגַע אַז מֶען קוּמְט וואוֹינֶען אִין לִיבֶּערְטִי דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט קַיין חִיזּוּק, מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

*עצתו אמונה פרשת בהעלותך תשפ"ג*

# געדאנקען

## פארוואס בין איך דא אויף די דזשערני?

משה'לע בלומצייג קומט אריין אין שול די ערשטע נאכט שבועות א געפיגלטער, א אויסגעשלאפענער, א נישט-הונגעריגער, א פיינע NAP געכאפט היינט אין פרעפערעישן צו די דערהויבענע בעפארשטייענדע מעמד פון תיקון ליל שבועות, פיין טועם געוועזן נאכ'ן דרימל, סיי פון די היינט-נאכטיגע קוגל און פערפל, סיי פון די מארגנדיגע יאפטשיק מיט קאלעכל און אקסל-ROAST מיט קארטאפל.

די קעז-קוכן (ווען מ'רופט עס מיט'ן אידישן נאמען האט עס לויט טייל זאך-קענער SOMEHOW וויניגער CALORIES, אבער די SCALE לייקנט אפ די דאזיגע טעאריע) האט ער טועם געוועזן פאר'ן דרימל, און אראפגעווישט מיט קאקאשקעיק און אראפגעשווענקט מיט ארגינעלע פעטע סמייטעדיגע UNPASTEURIZED מילך.

ביים מזרח זעט ער די רבי'שע בלומען-סוכה וואס מ'האט אנגעגרייט פאר'ן רב פון שול, הערליך איז נישט דאס ווארט, רויזן און טוליפ'ס, ארטשידס און היידרעינדזשעס, דאליאס און דעיזיס, דעפאדילס און קארנעישנס, עפעס אויסערגעוועינליך, מ'קען שטיין און קוקן פאר שעה'ן לאנג!

אט זעט משה'לע בלומצייג ווי דער קהלה'שער רב קומט אריין צום דאווענען און נעמט זיין שטול אונטער א ים פון הימליש שמעקנדיגע קאלירן פון עפעס א דרויסנדיגע וועלט, עפעס נישט פון דאהי.



משה'לע בלומצייג געבט זיך א טראכט פארוואס נישט אזא הערליכע צויבערנדע בלומען-חופה פאר משה'לע בלומצייג?!

איך בין דאך פארט אן אייניקל פון דעם בעל חלחולי חלגלגות זאל זיך מיען, מיין גאט-זעליגער זיידע איז דאך פארט געווען א קינד פון בעל סוכותינו לפלגותינו, וואס ער איז דאך געווען א בן אחר בן פון דעם גלגל המלגלג בן בעל קאטשקע מעקוטשקע וואס האט געמאכט א פירוש אויפ'ן שלייפן דיימאנטיני נאכ'ן ארויס געבן כל כתבי ה'פליישקע קושקע.

פארוואס אזא רעביש אייניקל ווי משה'לע בלומצייג זאל נישט האבן א אייגענע טוליפ חופה?! א אייגענע רויזן סוכה'לע?!

קומענדיגע יאר האט משה'לע בלומצייג געטון הלכה למעשה, באשטעלט פון האום דיפאו זעקס 4X4 העלצער פון זעקס פוס לאנג, מיט צוואנציג דרייסיג קעסטלעך בלומען פון אלע סארט, און למען ישמעו ויראו אז משה'לע בלומצייג איז א יחסן אווי יעדער און באקומט דאס געפאדערטע.

ווען דער עולם איז געקומען אין שול צום דאווענען האט מען זיך געקייקלט פאר געלעכטער אזש ביז'ן פארלירן דעם אטעם, קינד און קייט איז געשטאנען פארגאפט ווי אינמיטן שול זיצט א געבלומצייגטער אידל מיט א חופה איבערגעפולט מיט בלומען, אווי איינער וואלט געזיצן אינמיטן אטלאנטיק אושן מיט א שירעם, אזוי ווי איינער פארט אריין מיט א

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

סמארט-קאר אינמיטן א חתונה, מ'קען נישט קומען צו זיך פון געלעכטער. מ'האט שיעור נישט געוואלט רופן אן אמבולאנס צו משה'לע בלומצייג.

משה'לע איז געווארן באגאסן פון א קאלטע שווייס, ער וועקט זיך אויף אזוי ווי צו א ספעקטאקל פון א צווייטן פערזאן, איז עס ווירקליך אז דאס האט פאסירט? בין איך טאקע איינער וואס באלאנגט אין פסיכיאטארישן אנשטאלט? אזוי צודרייט ווערט מען ווען מען קוקט אויף יענעם?!

אזוי אינמיטן ווען אלע קליינע קינדער ווארפן טאמעיטעס מיט האנטעכער אויף דעם נייעם גאסן-משוגע'נעם זעט ער אין די זייט די ברסלב'ע "טערעפי" גליון, וואס באהאנדלט אלע סארט קעיסעס פון מענטשן וואס זוכן וואלידעישן און אנערקענונג, ער הייבט אן זען אז מען קען נישט זיין א געהיילטער מענטש נאר דורך רעדן צום אייבערשטן און זאגן משניות, מען קען נישט אויפהערן צו קוקן אויף אנדערע נאר דורך קוקן און רעדן

צום אייבערשטן, מען קען נישט חתונה מאכן אן חובות נאר אז מען לעבט פאר'ן אייבערשטן און נישט פאר מענטשן, מען קען נישט לעבן פאר'ן אייבערשטן נאר אז מען גייט נאך א צדיק וואס איז זיך מוסר נפש יעדן טאג צו דערמאנען אידן צו רעדן צום אייבערשטן.

משה'לע דיסיידעוועט ער גייט פרובירן די ברסלב'ע עצות, זאגן גמרא און רעדן צום אייבערשטן.

אסרו חג שבועות, משה'לע זיצט מיט א חומש, משניות, גמרא, תהלים, ער פילט א רואיגקייט וואס ער האט נאך קיינמאל אין לעבן געשפירט, ער האט שוין א ענטפער אויף די בייסנדע פראגע, ווער בין איך? איך בין א שטיק אייבערשטער וואס איז דא געקומען אויף די וועלט אויף די דיירעקטע שליחות פון דעם בורא עולם, און דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין מיר א יצר הרע וואס האלט מלחמה מיט מיין נשמה, די מלחמה איז גאנץ ערנסט, איך פרוביר צו דערלאנגען פאר'ן שונא, אבער אמאל דערלאנגט דער שונא פאר מיר, אבער איך געב נישט אויף.

איך האב שוין א תירוץ אויף די קושיא, פארוואס בין איך דא אויף די דזשערני, ווייל איך PICK דא אויף אומשאצבארע דיימאנטן וואס זענען זייער טייער דארט וואו איך גיי באלד אהין.

משה'לע זאגט גמרא מיט א פרישקייט, א תענוג וואס מען קען נישט באצאלן, וואס מען קען נישט אפמאלן, ער זאגט און זאגט און זאגט און זאגט, ער קוקט שוין נישט אויף קיינעם, אן אלטער איד מיט א צייטונג אין בוזעם טאש און די הענט אויף ארונטער געבט אים א פרעג, דו זאגסט? צו די לערנסט? משה'לע געבט אים א שטילע איידעלע דרך ארץ'דיגע שמייכל און זאגט ווייטער אמר אביי אמר רבא, קיין גרעסערע פארגעניגן איז נישט דא.

קומענדיגע שבועות האט משה'לע געהאט א הערליכע חופה, קיינער האט עס נישט געזען נאר די מלאכים פון הימל און די צדיקים וואס זענען פארבארגענע זאכן, א חופה פון פרקים משניות און בלעטער גמרא.

> ווען דער עולם איז געקומען אין שול צום דאווענען האט מען זיך געקייקלט פאר געלעכטער אזש ביז'ן פארלירן דעם אטעם, קינד און קייט איז געשטאנען פארגאפט ווי אינמיטן שול זיצט א געבלומצייגטער אידל מיט א חופה איבערגעפולט מיט בלומען, אווי איינער וואלט געזיצן אינמיטן אטלאנטיק אושן מיט א שירעם.



# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק

## שִׂיחוֹת חֲבֵרִים

הָרַב ר' אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ חַבֶר ר' מָרְדְּכַי שׁוֹחֵט זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, יֶעדְן טָאג פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ צַאמְזֶעצְן אִין אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ פַאר אַ שָׁעָה צַייט, פַארְבְּרֶענְגְן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע זִיסֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

אַזוֹי אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי קְבִיעוּת פַאר צְוֵויי יָאר וָואס מֶען הָאט נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען יוֹם כִּיפּוּר אוּן ר' אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז מִן הַסְתָּם גֵייט ר' מָרְדְּכַי אוֹיף אַזַא טָאג וִוי הַיינְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם בַּאשְׁטִימְטֶע אָרְט, וַוייל מֶען פַּאסְט דָאךְ הַיינְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּנֶעם טָאג.

אָבֶער בַּיי ר' אַבְרָהָם הָאט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ גֶעפְלַאקֶערְט אִין הַארְצְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אֲפִילוּ ר' מָרְדְּכַי גֵייט נִישְׁט קוּמֶען הַיינְט, וֶועל אִיךְ אָבֶער יָא גֵיין צוּ דֶעם בּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג.

עֶר קוּמְט אָן, אוּן צוּ זַיין אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג זֶעט עֶר וִוי ר' מָרְדְּכַי זִיצְט שׁוֹין דָארְט, אוּן ר' מָרְדְּכַי דֶערְצֵיילְט אִים דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט מִן הַסְתָּם גֵייסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם בּאשְׁטִימְטְן אָרְט וַוייל מֶען פַּאסְט, אוּן עֶס אִיז אַ לֶענְגֶערֶע דַאוֶוענֶען, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג".

הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז אִין שְׁטָאט אוּמַאן זֶענֶען גֶעוֶוען קְבוּצוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וָואס פְלֶעגְן כְּסֵדֶר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי דִיבּוּרִים אוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז אַרַיין אִין זֵיי אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז וִוי נָאר מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צַאמְקוּם אִיז יֶעדֶער גֶעלָאפְן טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה. אֵיינֶער אִיז גֶעלָאפְן צוּם צִיוּן, אֵיינֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן אַ צְוֵוייטֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, צוּ גְמָרָא, אָדֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אָדֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן".



הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט: אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִין אַלֶע דוֹרוֹת גֶעהַאט בַּיי זִיךְ חָק וְלֹא יַעֲבוֹר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן רֶעדְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועגְן דֶעם זֶעט מֶען אַז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צַאמְקוּמֶען אוּן רֶעדְן דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

דַארְף מֶען זֶען סֵיי דִי מֶענֶער אוּן סֵיי דִי פְרוֹיעֶן אַז כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן דִי הֵיילִיגֶער דִיבּוּרִים אוּן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם, וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג וִויאַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן.

**(שיחות מוהרא"ש חלק יג' ערך דיבור מרבינו ז"ל)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קי"ט

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטַארְקְן דִי מְנִיעוֹת פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שְׁווערֶע פַארְנֶעם. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.
דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דַאן בַּאשְׁלָאסְן אַז מְ'וֶועט שִׁיקְן צוּ אִים זַיין שְׁוָואגֶער, זַיין וַוייבְּ'ס בְּרוּדֶער, אַז עֶר זָאל רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דֶעם.

עֶר אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער פַּרְנָסָה, הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, נָאר זָאל אִיךְ פָארְט טוּן? מֶען וֶועט דָאךְ פָארְט דַארְפְן לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּ דִי טִיר! [ווִי דֶער סֵדֶר אִיז אַז מֶען לֵייגְט אַ נִפְטָר, לֹא עָלֵינוּ, אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר]" דֶער שְׁוָואגֶער הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ טַעֲנֶה'ען מִיט אִים, וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פוֹעֵלְ'ן בַּיי אִים, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, דֶער שְׁוָואגֶער הָאט גֶעהַאט אַ בֶּן יָחִיד, אוּן דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר דִי רְפוּאָה פוּן זַיין זוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גְרֵייט אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען זַיין זוּן, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין אַנְשְׁטָאט אִים.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, גְלַייךְ דֶעמָאלְט הָאט דָאס קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעסֶער צוּ שְׁפִּירְן, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זַיין זוּן, אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִים אַז מֶען וֶועט דָאךְ פָארְט מוּזְן שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעשְׁרִיבְּן, "אֵיי עֶס טוּט מִיר בַּאנְק, אֵיי זֶענְט אִיר גֶערֶעכְט, אֵיי הָאט אִיר גוּט צוּגֶעטְרָאפְן, אַז מֶען וֶועט אַמָאל לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּ דִי טִיר", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט זַיין בְּרִיוו, "אוֹי בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵא!"

דֶערְנָאךְ הָאט דִי מִשְׁפָּחָה גֶעשִׁיקְט צוּ רֶבִּי נָתָן זַיינְ'ס אַ פֶעטֶער, אַ בְּרוּדֶער פוּן זַיין טַאטֶע, וָואס יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּפִיל וָואס צוּ טוּן מִיטְ'ן טָאג, אוּן עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם. אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אַז עֶר גֵייט עֶס טַאקֶע טוּן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּן אוֹיסֶער דִי רֵייזֶע קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב, זֵיי זָאלְן אַלֵיין דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן צוּגְרֵייטְן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר דִי נְסִיעָה, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּן אוֹיסֶער דָאס פָארְן אוּן אַיינְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה.

דָאס הָאט אִים אָבֶּער אוֹיךְ זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטָאכְן טִיף אִין הַארְץ אַרַיין, וַוייל לוֹיט ווִי שְׁטַארְק עֶר הָאט גֶעהַאט אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זִיךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם תַּכְלִית, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט דֶערְצוּ יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט, אַלֶע טֶעג פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען פוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן גֶעצֵיילְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע שָׁעָה וָואס עֶר גֵייט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיטְ'ן קוֹיפְן דִי סְחוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע פַארְלוּסְט, אַן אֲבֵידָה וָואס מֶען גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אַ שָׁאדְן פוּן אַזוֹיפִיל גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְדִינְסְטְן וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן עֲבוֹדַת ה' אִין דִי צַייט.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

חלק ג'

# כאַפּ מיין אויג

ישראל דוד העסקעל

## א בליק אריין אינעם וועלט פון מארקעטינג

### אריינפיר

אינעם פאריגן ארטיקל האבן מיר אויסגעשמועסט אן הקדמה צו די וועלט פון מארקעטינג און עדווערטייזינג, ווי אזוי היינט איז ביי אונז היימישע אידן די מערסטע אויפגעכאפטע וועג פון זיך מארקעטן א ביזנעס א סערוויס אדער א פראדוקט דורך פרינט רעקלאמעס א געדריקטע צעטל.

אין דעם קאלום וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף מער אריינקריכן אין דאס וואס רופט זיך קריעטיוו עדווערטייזינג.

ווי שוין אויסגעשמועסט דינט דיין רעקלאמע ווי א סעילסמאן, ער זאגט פארן לייענער קום קויף מיין פראדוקט אדער נוץ מיין סערוויס.

די מציאות איז אבער אז מענטשן זענען גאנץ קנאפ אינטערעסירט צו לייענען וואס דו האסט צו פארקויפן, און דאס איז א גרויסע פראבלעם פאר דער עדווערטייזער אז קיינער וועט נישט לייענען זיין עד.

און דאס אליינס ווערט צובראכן אין צוויי חלקים:

1. אמאל איז דא א מענטש וואס פארמאגט א פראדוקט, אדער סערוויס וואס מענטשן זענען זייער אינטערעסירט אין דעם, און דאס קען זיין פאר עטליכע סיבות.

למשל אויב איז יעצט די סעזאן פון א געוויסע זאך, לאמיר זאגן הגעלת כלים ערב פסח, אדער אייס קריעם אין די זומער, דו דארפסט קיינעם נישט איבערצייגן צו נוצן די סערוויסעס אדער צו קויפן דעם פראדוקט...

אויב איז יעצט ערב פסח און איך האב ביי מיר כלים אין שטוב וואס איך דארף כשר'ן, דארף מיר קיינעם נישט איבערצייגן אין דעם סערוויס פון הגעלת כלים ווי וויכטיג דאס איז... איך ווייס וואס דאס איז, און איך זוך נאר די גרויסע ווערטער 'הגעלת כלים' און איך קום.

מה שאין כן אויב האב איך נישט קיין כלים וואס דארפן גע'כשר'ט ווערן, קענסטו מיר מאכן רעקלאמעס וואס כאפן דעם אויג און שטארצן ארויס (לשונות וואס קליענטן גלייכן צו זאגן) און זענען קריעטיוו ביזן הימל, דו קענסט אויפהענגען ביללבאורדס איופן גאנצן 17 און אין אלע היימישע געגנטער, אבער אויב ברויך איך נישט דעם סערוויס גיי איך נישט קומען!

די זעלבע איז מיט פראדוקטן - למשל אייס קריעם אין די זומער, איך דארף נישט קיין הסברים פארוואס די מאכל אייס קריעם איז יעצט ממש פאסיג.... איך ווייס! פארקערט אין בין דער וואס זוכט דאס גאר, פארדעם וועלן אייס קריעם רעקלאמעס נישט זיין קריעטיוו נאר פאקוסירן צו ווייזן א שיינעם בילד פון אייס קריעם דיך אביסל אנדרייען דעם אפעטיט, און מער פון דעם פעלט שוין נישט אויס.

פארשטייט זיך אז ווען ס'איז פאראהאן קאמפעטישן דארפסטו זען ארויסצוברענגען דיינע מעלות וואס פארמאגסטו אין דיין פראדוקט וואס דיין קאמפעטישן פארמאגט נישט3

למשל איך האב געמאכט פאר עטליכע יאר צוריק רעקלאמעס פאר אן אייס קריעם קאמפאני פון לאנדאן וואס זייער זאך איז אז זיי זענען א קליינע פאבריק, זיי מאכן אלע מיני געוועגליכע סארט אייס קריעם און אייסעס פראדוקטן, אבער זיי נוצן מער עכטע באשטאנדטיילן, און זיי לייגן אריין וויניגער קעמיקאלן ווי די אנדערע קאמפאניעס. האבן מיר טאקע דאס ארויסגעברענגט אויף די רעקלאמע "ס'איז זומער ס'גלוסט דיר א גוטן אייס קריעם, קום קויף מיין אייס קריעם וואס האט אין זיך







"ס'איז זומער ס'גלוסט דיר א גוטן אייס קריעם, קום קויף מיין אייס קריעם וואס האט אין זיך גוטע געשמאקע פלעיווארס פון עכטע פרוכט."

מיר לייגן איבער כאפ מיין אויג חלק ג' צוליב וואס עס איז בטעות ארויסגעפאלן צוויי עמודים פונעם באשרייבונג פארגאנגענעם יום טוב שבועות. ואתכם הסליחה

גוטע געשמאקע פלעיווארס פון עכטע פרוכט". *זעה בילד

צומאל אבער מאכט זיך אז דו האסט פראדוקט צו פארקויפן וואס איז גארנישט ספעציעל... ס'איז דא צענדליגע פון די סארט פראדוקט, און דיינס איז פונקט אזוי גוט ווי די אנדערע - גארנישט אנדערש!

למשל קעטשאפ... איך האב געהאט א קאסטומער וואס האט געמאכט א פרודאקשן פון קעטשאפ - פשוטע קעטשאפ, גארנישט אנדערש פון א צווייטן קאמפאני, נישט מער טייער נישט מער ביליג, סך הכל נאך איינס אויפן פאליצע.

די טשאלעלנדש איז פארוואס זאל א מענטש זיין אינטערעסירט צו קויפן דיין נייע קעטשאפ, ווען ס'איז גארנישט אנדערש ווי די קעטשאפ וואס ער איז שוין צוגעוואוינט צו קויפן?

אין אזא פאל ווערט דער טאקטיק געווענליך זיין, דו זאג וואס דיין קאמפעטישן זאגט נישט, און אין אונזער פאל האבן מיר זיך ארויפגעווארפן אויף דעם וואס דער קעטשאפ איז געמאכט מיט בלויז "נאטורליכע אינגרעדיענטס" (ס'האט נישט קיין פלעסטיק.....) און אזוי האבן מיר געמאכט די רעקלאמעס אז די קעטשאפ איז ממש ווי א טאמעטא אראפ פון בוים - ס'איז אינגאנצן נאטורליך.... אייי יענע קעטשאפ פונעם קאמפעטישן איז אויך נאטורליך? אבער ער זאגט עס נישט....




אין אונזער פאל האבן מיר זיך ארויפגעווארפן אויף דעם וואס דער קעטשאפ איז געמאכט מיט בלויז "נאטורליכע אינגרעדיענטס" (ס'האט נישט קיין פלעסטיק.....) און אזוי האבן מיר געמאכט די רעקלאמעס אז די קעטשאפ איז ממש ווי א טאמעטא אראפ פון בוים - ס'איז אינגאנצן נאטורליך.... אייי יענע קעטשאפ פונעם קאמפעטישן איז אויך נאטורליך? אבער ער זאגט עס נישט....

און אזוי בס"ד ווען ס'קומט אונטער אזא טשעלענדש פון דארפן מארקעטן א פאפולערע פראדוקט וואס פארמאגט מערערע קאמפעטישן, דארפסטו סלא זוכן וועלכע מעלות פארמאגט מיין פראדוקט וואס מיין קאמפעטישן זאגט נישט...

און מיט דעם קומען מיר צו צום שווערסטן טשעלענדש וואס דאס איז ווען איינער קומט מיט א פראדוקט און סערוויס וואס מענטשן זענען משום איזה סיבה שוהא גאנץ ווייניג אינטערעסירט אין דעם....

אין אונזער פאל לאמיר רעדן דא ווענגן א פראדוקט וואס איז גראדע זייער א גוטע פראדוקט, אבער די סיבה פארוואס מענטשן זענען נישט אינטערעסירט אין דעם איז צוליב די גאר אסטראנאמישע פרייז וואס דאס קאסט.

איך האב געהאט א קאסטומער ממש לעצטענס וואס איז געקומען צו אונז מיט א פראדוקט וואס ער וויל מארקעטן - א מאטראץ!

אבער נישט סתם א מאטראץ, נאר ס'איז האנט געמאכט אין

קאנאדע, מיט גאר טייערע ספעציעלע מאטעריאלן ווי לעטעקס מיט אנדערע מאטעריאלן, וואס איך ווייס נישט ווי אזוי מ'זאגט עס ארויס, און דאס קאסט מער ווי דאפלט וואס די טייערסטע מאטראץ קאסט!

פארשטייט זיך אז ס'קומט באגלייט מיט גאר אסאך מעלות, ספעציעל פאר די וואס ליידן פון רוקן ווייטאג און דאקטוירים רעקאמענדירן דאס וכו'...

די קאמפאני איז זייער מצליח ביי די גוים, און יעצט ווילן זיי דאס אריינברענגען צו די היימישע מארקעט. זיי זענען שוין געווען ביי צוויי אנדערע גרויסע מארקעטינג קאמפעניס בעפאר זיי זענען אנגעקומען צו אונז, און דערווייל האבן זיי נישט מצליח געווען צו פארקויפן זייער פראדוקט.

נאכן מאכן אביסל ריסורטש האב איך גראד געזען דעם פראבלעם - דער פראבלעם איז אז די מאטראץ איז געווארן געמארקעט ווי א סעלושן צו רוקן ווייטאג.

די פראבלעם פון דעם איז אזוי - פארשטייט זיך אז אזא קאמפאני קען נישט בלויז ארויסלייגן א רעקלאמע קויפט מיין בעט אזא א גוטע מאטראץ ווי לייל ווי נאר א מענטש וועט זען די פרייז וועט ער אנטלויפן, דעריבער מוזטו געבן דעם מענטש א סיבה פארוואס צו שפענדן אזעלכע סומעס.

די פראבלעם פון עס מארקעטן אלס א סעלושן פאר רוקן ווייטאג איז אז די רגע וואס ס'איז א רוקן ווייטאג פראדוקט, רעדט דאס שוין נאר צו מענטשן וואס ליידן עמטליך אויף רוקן ווי', וואס דאס איז גאר א קליינע פראצענט (פרעגט אייך אליין וויפל מענטשן קענט איר וואס ליידן אויף רוקן ווייטאג?) יעצט פון דעם קליינעם פראצענט דארפסטו זיי כאפן מיט דעם רעקלאמע אז זיי זאלן זיך אינטערעסירן אין דעם פראדוקט, און דערנאך זיין ווילינג דאס צו קויפן, דאס קומט אז די גאנצע רעקלאמע רעדט צו אזא קליינע פראצענט אז ס'לוינט בכלל נישט צו אינוועסטירן אין דעם רעקלאמע פאר אזא קליינע צאל מענטשן.

נאכן אסאך בעטן דעם אייבערשטן איז מיר איינגעפאלן גאר א צווייטע געדאנק, אנשטאט צו פארקויפן א רפואה פאר רוקן ווייטאג וואס פארמאגט נישט גענוג קאסטומערס, וועט מען פארקויפן א סעלושן פאר שלאף!

ווער קען דען אויפהייבן די האנט און זאגן איך בין אויסגערוהט? קיינער איז נישט אויסגערוהט, מענטשן זענען מיד, מענטשן ארבעטן שווער און שלאפן ווייניג - דאס קען איך זאגן: דו ווייסט פארוואס דו ביסט מיד? ווייל דו שלאפסט נישט




די רעקלאמע וואס זיי האבן קודם געמאכט ביי א צווייטע קאמפעני וואס ברענגט בעיקר ארויס אז דאס איז א פראדוקט פאר רוקן ווייטאג ליידנדע וואס ווי אויסגעשמועסט האט עס ממש גארנישט געברענגט...

אויף מיין מאטראץ! וועסטו קויפן מיין מאטראץ וועסטו אזוי גוט שלאפן, אזש ס'גייט גיין א רויך!

די טשעלענדש איז אבער געווען ווי אזוי זאג איך דאס? ווי אזוי ווער איך אויף דעם סאָבקאנטשעס ביי א מענטש אין איך דערמאן אים "ר' איד איר זענט פון די מידע!"

איז מיר בייגעפאלן אז מיר גייען ווייזן דעם מענטש דערמאן דיך נאר ווי אזוי ס'איז וועט קוקן אויס און דו גייסט ביינאכט אין גראסערי איינקויפן מידעהייט, ס'קוקט אויס ווי דא דרייט זיך איינער מיט פיטדזשאמעס און א שלאף קאפל, אדער ביים שבת'דיגע סעודה ווען דו דרימלסט איין... צו ווען דו גייסט זאגן מזל טוב ביי א שמחה און דו ווייסט שוין נישט ווי אזוי דו הייסט, איך גיי דיר ווייזן די אלע סצענעס וואס דו געפינסט זיך אין, און

איז מיר בייגעפאלן אז מיר גייען ווייזן דעם מענטש דערמאן דיך נאר ווי אזוי דו קוקסט אויס ווען דו גייסט ביינאכט אין גראסערי איינקויפן מידעהייט, ס'קוקט אויס ווי דא דרייט זיך איינער מיט פיטדזשאמעס און א שלאף קאפל, אדער ביים שבת'דיגע סעודה ווען דו דרימלסט איין... צו ווען דו גייסט זאגן מזל טוב ביי א שמחה און דו ווייסט שוין נישט ווי אזוי דו הייסט, איך גיי דיר ווייזן די אלע סצענעס וואס דו געפינסט זיך אין, און אנטון דעם אינגערמאן אויפן רעקלאמע מיט פיטדזשאמעס און א שלאף קאפל - וואס דינט צוויי זאכן איינס מאכט דאס אז דו זאלסט מוזן ליינען דעם רעקלאמע און נישט קענען מישן ווייטער - כ'מיין א אינגערמאן מיט פיטדזשאמעס אין גראסערי?! .... און די צווייטע אז ס'וועקט אויף א מענטש צום קוימישן רעאליטעט - ר' איד איר זענט מיד! און דא איז דא א פראדוקט וואס מיט דעם וועט איז בעזהשי"ת קענען בעסער שלאפן!

איך פארקויף דיר שלאף!













אנטון דעם אינגערמאן אויפן רעקלאמע מיט פיטדזשאמעס און א שלאף קאפל - וואס דינט צוויי זאכן איינס מאכט דאס אז דו זאלסט מוזן ליינען דעם רעקלאמע און נישט קענען מישן ווייטער - כ'מיין א אינגערמאן מיט פיטדזשאמעס אין גראסערי?! .... און די צווייטע אז ס'וועקט אויף א מענטש צום קוימישן רעאליטעט - ר' איד איר זענט מיד! און דא איז דא א פראדוקט וואס מיט דעם וועט איז בעזהשי"ת קענען בעסער שלאפן!

איך פארקויף דיר שלאף!

און שכח אייבערשטער אז ס'האט געארבעט א מחיה, אזש די בעלי בתים האבן זיך נישט געגוג געקענט אפווונדערן ווי גוט דער קאמפיין איז געלונגען, אז די פארלאנג איז געווארן אזוי גרויס!

דאס איז אין קורצן וואס רופט זיך קריעטיוו עדווערטייזינג , דאס מיינט אז געוואנדן לויט די פראדוקט און לויט די טשעלענדשעס מיט וואס דאס קומט וועט מען פרובירן צו מאכן רעקלאמעס וואס בס"ד קענען ציען די מערסטע קונדן.

אינעם קומענדיגע קאלום וועלן מיר בעזהשי"ת אויסשמועסן אביסל וועגן ברענדינג עדס מיט אנדערע טשעלענדשעס וואס קומען אונטער ביים וועלן פארקויפן פראדוקטן אדער סערוויסעס.

פאר סיי וועלכע הערות קענט איר שיקן אן אימעיל צו sruliheskel@gmail.com



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, שובבי״ם, י״א אדר א׳, שנת תשפ״ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

אז דו דארפסט א ישועה זאלסטו נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא״ש, מוהרא״ש האט צוגעזאגט, ווער עס וועט העלפן דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים, בפרט ספר אשר בנחל - וועט זען אפענע ישועות.

מוהרא״ש פלעגט בעטן פינף הונדערט דאלער פאר א זכות צו דרוקן אשר בנחל, מיר זענען געבליבן מיט די אלטע פרייז, און ווער עס העלפט דרוקן די ספרים און קונטרסים - זעט אפענע ישועות.

מיר האבן יעצט אסאך פרישע קונטרסים צו דרוקן, מיר ווארטן אויף נדבנים, ווער עס וויל נעמען א חלק אין מקרב זיין און מחזק זיין נשמות ישראל מיט די עצות פון רבי׳ן.

קומענדיגע וואך ענדיגן מיר מסכת בבא קמא און מיר הויבן אן מסכת בבא מציעא, איך וויל דיך מחזק זיין זאלסט היינט אנהויבן לערנען דעם בלאט גמרא, אפילו נאר בגירסא, בלי הבנה; מוהרא״ש זאגט, ווער עס לערנט גמרא יעדן טאג - דארף שוין נישט קיין שום תיקון; גמרא וואשט אים אפ, גמרא פארברענט אלע שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

פאריגע וואך דינסטאג האב איך באקומען א טעלעפאן רוף פון א חשוב׳ער אינגערמאן פון ארץ ישראל, וועלכער האט אונז פארציילט זיין פערזענליכע געשיכטע וואס ער וויל מיטטיילן מיט אנשי שלומינו.

״נעכטן אינמיטן נאכט האט זיך מיין ווייב זייער נישט גוט געשפירט, מיר האבן גערופן מיין ווייב׳ס דאקטער, און נאך א קורצע דין ודברים, האט ער אונז געהייסן מיר זאלן שוין אריינפארן אין שפיטאל.

מיין ווייב איז אנגעקומען אין שפיטאל אין א זייער שווערע מצב. זי האט זיך באמת נישט גוט געשפירט, און דער דאקטער האט אונז גוט דערשראקן, זאגענדיג אז איר מצב איז נישט פשוט.

איך בין ארויסגעגאנגען פונעם צימער, איך האב נישט געוואלט זי זאל זען ווי איך וויין, און איך האב אנגעהויבן צו רעדן צום אייבערשטן, ״רבונו של עולם! איך זאג צו צו געבן פינף הונדערט דאלער צו דרוקן דעם הייליגן ספר אשר בנחל, אין דעם זכות העלף אונז מיר זאלן קענען ארויסגיין פון דא בשלום געזונט און שטארק״.

וואס זאל איך דיר זאגן? - זאגט ער מיר - ממש אין די קומענדיגע מינוטן האט מיר דער דאקטער געזאגט ׳אלעס הייבט זיך אן צו שטעלן אין פלאץ, זי גייט ארויס פון א מצב סכנה׳. און געלויבט דעם אויבערשטן, אז ביז ממש א קורצע צייט שפעטער, איז זי ארויס פון א מצב סכנה מיט גרויס רחמי שמים.

לייבי - זאגט ער מיר - איך רוף דיר יעצט פשוט איינצוהאלטן מיין הבטחה, נעם מיין קארטל און רעכן דערויף די פינף הונדערט דאלער, קענסט דערציילן די מעשה, אבער ביטע אן מיין נאמען - האט ער צוגעענדיגט זיין מעשה.

**דארפט איר א ישועה? איר קענט נאך זיין דער קומענדיגער סיפור ישועה אינעם בלעטל, רופט שוין מו״ה לייבי ראטה הי״ו אויף 347-578-4449 און פאר בלויז פינף הונדערט דאלער קויפט איר זיך איין א זכות אינעם הייליגן ספר אשר בנחל, און איר זענט מזכה טויזנטער אידן צו ווערן פריש מקורב צום אויבערשטן.**

---

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

## נייעס פון קרן הדפסה

### מעשה'לעך פאר קינדער ענגליש נומער 2 אנגעקומען קיין אמעריקע

מיט גרויס שמחה וויל דער קרן הדפסה מיטטיילן פאר אנשי שלומינו אז דער צווייטער ביכל אין די סעריע "Little Stories for Little Souls" – מעשה'לעך פאר קינדער אויף ענגליש – איז ברוך השם שוין אנגעקומען קיין אמעריקע פון כינע.

וועט איר דאך פרעגן, וואס איז די גרויסע שמחה, אויף דעם קומט א מעשה, עס איז שוין אריבער מער פון אכט חדשים זינט מען האט געענדיקט דרוקן דעם ביכל, אבער דער סמ"ך מ"ם האט נישט געפאלן, און מען האט פארשפעטיגט דעם שיף וואס האט עס געזאלט ברענגען קיין אמעריקע, און האט עס אויפגעהאלטן ביז יעצט, אבער געלויבט דעם אויבערשטן, אז יעצט איז דער נייער ביכל שוין דא.

די הערליכע מעשה'לעך – דערציילט און געשריבן דורכן ראש ישיבה שליט"א, באגלייט מיט ציענדע און פאכמאניש געמאלענע בילדער – ברענגען אריין יראת שמים און מידות טובות אין די ריינע הערצעלעך פון אונזערע קינדער. די מעשיות זענען פול מיט אמונה פשוטה, שמחת המצוות און בויעט זיי אויף.

דער ערשטער ענגלישער אויסגאבע איז ממש צוכאפט געווארן פון די מפיצים, אזוי אויך די ערשטע צוויי אידישע אויסגאבעס. און אויסער די אויבנדערמאנטער ענגלישער אויסגאבע נומער צוויי, גייט מען שוין יעצט אויך צום דרוק אויף די אידישע ביכל נומער דריי. פרטים וועלן בעז"ה נאכפאלגן.

## בילדער פון קרן הדפסה



פעולת הצדיק אין ענגליש ביים קאטעטער



LITTLE STORIES FOR LITTLE SOULS #2 ב"ה אנגעקומען



קדושת ישראל פארן זוממער

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**ישראל דוד העסקאל**
קרית ברסלב

**ישראל מאיר ראטטענבערג**
קרית יואל

**שמעון גאנצפריעד**
לינדען

**אפרים פעלדמאן**
בארא פארק

**שמעי וואקס**
טבריה

**העניך אינדיג**
קרית ברסלב

**שמעון עוזר מיטטעלמאן**
מאנסי

**נחמן נתן בוים**
קרית ברסלב

**שבתי מארקוס**
וויליאמסבורג

**חיים ישעי דעפריס**
קרית ברסלב

**שלום אליהו אינדיג**
טאהש

**יוסף הכהן פריעדמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449

פרנס השנה

קרן ה...

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל

...על ידי הפצת ספרי רב...

מו"ה
יצחק אייזיק ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן גלאנשטיין
הי"ו

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב מייזעלס
הי"ו

מיר ווילן אויס...
הכרת הטוב...
הנכבד פאר...

פרנס החו...

מו"ה בניהו א...
מו"ה אפרים פ...

דער אייבער...
העלפן אז אין ז...
און פארשפ...
הייליגן רבינ'ס...
דיר דער איי...
ערפילן כל מ...

פרנס החודש

| | |
|---|---|
| ניסן | מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו<br>לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם |
| אייר | מו"ה משה האמער הי"ו<br>מו"ה אשר לעווי הי"ו |
| סיון | מו"ה בניהו אונגאר הי"ו<br>מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו |
| תמוז | מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו<br>מו"ה יחזקאל שרגא קרויס הי"ו |
| אב | מו"ה אלי קנאלל הי"ו |
| אלול | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו<br>מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו |

*sruliHeskel

## פרנס השנה

מו"ה
יקותיאל פעלדמאן
הי"ו

מו"ה
יהודה אריה לייב ליעבערמאן
הי"ו

מו"ה
דוד טשינגל
הי"ו

מו"ה
מאיר וויזעל
הי"ו

## פרנס החודש

| | |
|---|---|
| תשרי | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו |
| חשון | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מין הי"ו |
| כסלו | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו |
| טבת | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו |
| שבט | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו |
| אדר | מו"ה יואל אפענהיים הי"ו |

# דפסה

ל הקודש ברסלב

ותלמידיו הקדושים בעולם

נו נביא משיח צדקינו

דריקן אונזער
פאר ידידינו
ן מנדב זיין

דש סיון

אונגאר הי"ו
עלדמאן הי"ו

שטער זאל
בות פון דרוקן
רייטן דעם
ם ספרים זאל
בערשטער
שאלות לבך.

# קוק אהער

## אן עכטע שוואנץ שטריימל

האסט שוין געהערט פון די ברסלב'ע וואס מאכן זיך אזוי חתונה בחנם, און ענדיגן זיך אזוי ש"ס איינמאל און נאכאמאל, און נישט נאר דאס, נאר זיי זענען נאך אייביג אזוי פריילך... ווייסט וואס איך מיין?

איך ווייס אויך אז דער אייבערשטער איז זייער גוט צו אונז, אבער איך פרעג וואס הערציך ביי דיר.... זיי קענען נישט ענטפערן נארמאל, אלץ מוז זיין אויבער'חכם'דיג!

און דו ווייסט וואס גייט מיר נישט אריין אין קאפ? זיי גייען זיך ארויף וואוינען אין אפסטעיט וואו ס'איז ביליג די הייזער, שטיל די געגנט, זיי לעבן זיך אזוי באשיידן, כ'מיין ס'גייט מיר נישט אריין אין קאפ!

ס'איז דא א וועג ווי אזוי די לעבן דארף אויסקוקן... מ'צאלט טייער, מ'וואוינט קעפ אויף קעפ, אזוי זעמיר געוואוינט, אזוי טוט יעדער, פארוואס מוזן זיי זיין אנדערש?

יעדער ווייסט אז מ'מאכט א חיים טובים אויף קרעדיט קארטלעך, מ'חובת'ט זיך אן נאך און נאך, מ'קויפט יעדע זאך וואס די אויג זעט נאר, און דא קומען די ברסלב'ע חברה זאגן אז ניין, מ'דארף זיין אנדערש, מ'לעבט מיט א חשבון, מ'מאכט נישט קיין חובות, מ'בארגט נישט קיין געלט... וואו איז דאס געהערט געווארן?

מיט אזעלכע שטארקע טענות איז טאקע זייער פארשטענדליך פארוואס מענטשן ווערן דערשראקן ווען זייערע קינדער קומען אן אויף ברסלב.

ווער וויל דען אז זייערע קינדער זאלן זיין אנדערש? די וועלט האט א וועג פון זיך פירן, קיינער וויל נישט אז זייערע קינדער זאלן זיין אנדערש...

אבער דא קומט די פרייליכע מעלדונג!

צוליב די גרויסע נאכפראגע ביי געוויסע וואס זארגן גאר שטארק צו זיין נארמאלע מענטשן, ווילן מיר אייך מעלדן אז מיר זענען נישט אנדערש, מיר זענען נארמאל. אט הערט א מעשה וואס איז פארגעקומען פארגאנגענעם ערב שבת אין א ברסלב'ע שול, איך הער ווי א מחותן רעדט צו זיין חתן:

איך האף דו גייסט מיר נישט מאכן קיין בזיונות..

איך האף אז דו האסט זיך איינגעקויפט אןעעעעעכטעשטריימל!

אויב קומסטו אריין צו אונז אין משפחה, דארפסטו וויסן מיר זענען נארמאלע מענטשן!

איך וויל גארנישט הערן ווייניגער ווי אן עעעעעכטע שטריימל, דו הערסט?

איך האף איך האף אז דו האסט זיך נישט איינגעקויפט די פאלשע כוס של אליהו-קערה שטריימלעך וואס זענען פיר שטאק הויך און ווארפן זיך ווי א גאלערעטע ארויס פון פרידש...

מיר זענען זייער מקפיד אויף אן עכטע ווידל שטריימל דאס וואס קאסט נישט מער ווי טויזנט דאלער, און ס'פאלט צאם, נאר מיט יענע גייען אונז - די עכטע שוואנץ שטריימלעך!

רבותי מיר האבן דערלעבט, די ברסלב'ע זענען שוין נארמאלע מענטשן, מ'דארף שוין נישט ווערן צוטרייסלט ווען די קינדער ווילן קומען קיין ברסלב, ווייל זיי הערן אזעלכע אינטערעסאנטע זאכן ווי רעדן צום אייבערשטן און זיך נאר פארלאזן אויפן אייבערשטן.

אייער הארץ דארף שוין נישט פארפעלן קיין קלאפ ווען אייער זון קלינגט אייך אן זאגן אז ער איז מסיים ש"ס, האט נישט מורא, מיט זענען שוין יחנע אפראווד, אלע מומעס הייבן די הענט און טייטלען שוין אן זייער קלאר אז יא, זיי זענען שוין אויך נארמאלע מענטשן, זיי זענען אפילו מקפיד אויף נאר עכטע שטריימלעך!

לעצטע וואך בין איך געווען ביי א חתונה אין שטאט, א גרויסע שיינע חתונה מיט אלע פיטשעווקעס, און אזוי זיצנדיג דארט שארט זיך איינער צו צו מיר: "זאג מיר וואס איז די מעשה דא

# דאס און יענץ
# מיט א טיפערע
# ארייבליק

**ישראל דוד העסקעל**



מיט דעם מחותן?"

"וואס הייסט?"

"כ'מיין ער האט נישט געקענט נעמען עפעס מער א גרעסערע זינגער? ער האט געמוזט נעמען אזא מיטל קלאס זינגער? אויך דער שפילער, כ'מיין יא טאקע ער איז פאפולער אבער דעטס איט?"

"וואס האט דער מחותן מורא געהאט צו נעמען א זינגער אזוי ווייסט וואס איך מיין? געהעריג פון די חברה."

"אויך דער שפילער, ס'קוקט אויס אזוי יאנטשי. און קוק דא ביי די זייט - סעסימי טשיקן, קריספי ביף, רייז, מיט נאך עפעס א מין פלייש, ס'איז פשוט א בזיון!"

"וויפיל מאל האט מען חתונה? כ'מיין אז רוב מענטשן האבן חתונה נאר איינמאל, וואס האבן מענטשן מורא צו מאכן שיינע גרויסע שמחות אזוי אלל דע ועי??"

מיין ליבער טייערער פריינט הער מיר גוט אויס, אי"ה ווען איך גיי חתונה מאכן מיינע קינדער גייט עס זיין אין א שול, די מוזיק גייט זיין פון א עם פי טרי, ביי די סעודה גייט מען סערווירן טשיקן מיט רייז, און דו וועסט נישט זיין איינגעלאדנט צו די סעודה

אויב ווילסטו קענסטו קומען, און אויב נישט, לחיים ולשלום בדרך צליחה..

ס'איז גרויסע פחדים צו זען ווי אזוי די סטאנדארטן האלט שוין היינט אז ווען מ'חובת'ט זיך אן מיט הונדערט פופציג טויזנט דאלאר צו קענען חתונה מאכן "נארמאל" הייסט עס שוין יאנטשי!

ר' איד, איין עצה האב איך פאר דיר, נעם דיר א צדיק פאר א מורה דרך אנשטאט דיין חבר'ס בחור, אנשטאט דיין ווייב'ס קלעסמעיט, ווייל ווי לאנג דו לויפסט נאך זיי צו געפעלן, באלד ווערט נארמאל זיין צו שפענדן איידעלערהייט פיר הונדערט טויזנט דאלאר פאר א חתונה נאכט. וועקט אייך אויף גאר שנעל, איר קענט נאך ארויף טאנצן אויף אונזער מין נארמאל, גיין מיט עכטע שטריימלער און לעבן אן עכטע לעבן, שמייכלען א עכטע שמייכל, און זיין עכט עכט פריילך!

ברוך השם אז מיר זענען שוין נארמאל, מיר האבן שוין דעם סטאטוס אז מיר דארפן זיך נישט שעמען פון יעדע דעה פון יעדע ווארטזאגער, מיר זענען עכטע עכטע נארמאלע געסעטלטע מענטשן, אהההה!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# קלאסיפיידס

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו**
**וזוגתו לאה מרים תחי'**
**צו די חתונה פון מרדכי נ"י למזל טוב**
**און צום שידוך פון שליסן פון שמעון עמרם נ"י.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה דוד ניישטיין הי"ו**
**וזוגתו הינדא ריקל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.








פאר די
ברסלב'ע
שטוב
וואס האסטו
פארלוירן אין
ברסלב?!
ש. טראכטער
פלאנץ מיט הארץ!
ג. פעקעטע
פיינע קוקיס
מיט א Shape
רעצעפי

ש. טראכטער



# וואס האסטו פארלוירן אין ברסלב?!

אה וואס האסטו פארלוירן אין ברסלב? פרעגט א משפחה מיטגליד פון מיין חבר'טע.

"איך האב גארנישט פארלוירן" ענטפערט זי, "איך האב אלעס געטראפן!!"

די ווארט האט מיר זייער געכאפט. מיר האבן טאקע גארנישט פארלוירן, אין היכל הקודש האבן מיר נאר געטראפן. מיר האבן נישט פארלוירן אלע שיינע זאכן מיט וואס מיר זענען אויפגעוואקסן, מיר האבן נישט אפגעלאזט אלע שיינע מנהגים, נאר מיר האבן געטראפן. מיר האבן געטראפן נאך אוצרות וואס מאכן אונזערע אייגענע רכוש נאך שענער און בעסער.

זייענדיג דעם שבועות אין שטעטל, האבן מיר זיך נאכאמאל מחזק געווען אפאר פרויען אינאיינעם וואס מיר זענען זוכה צו טרעפן אין היכל הקודש.

איין חבר'טע זאגט מיר אז זי האט געטראפן אן אומשאצבארע מתנה אין היכל הקודש, זי האט געטראפן "עלטערן". זייט זי האט אנגעהויבן הערן די שיעורים האט זי באקומען א באנייטעט שמחה אין די זכי' פון מקיים זיין כיבוד אב ואם.

נאך איינע זאגט אז ווען זי הערט אירע יונגע קינדער שמועסן צווישן זיך "באשעפער העלף אז די לעגאס זאלן זיך נישט צוברעכן" דאס צונעמט איר הארץ, די ריינע תמימות, די לויטערע אמת.

ווען איך פלעג ליינען די מעשה ביים חורבן פון חנה מיט די זיבן זון, פלעג איך זיך וואונדערן, "וויאזוי איז מעגליך אז א צוויי יעריג קינד זאל קענען רעדן פון אייבערשטן".

היינט וואונדער איך זיך "וואס האב איך דעמאלטס נישט פארשטאנען? וויאזוי זאל א אידיש צוויי יעריג קינד "נישט" וויסן צו רעדן פון אייבערשטן?!"

מען האט געהאלטן אין שול ביי אתה הראית, די (נייע גרויסע) שול איז געווען גאר שטיל. עס האט זיך געדאכט אז מען האלט יעצט אינמיטן שמונה עשרה. איך

שפיר א קלאפ אין פלייצע, א ווייבל, דאס ערשטע מאל אין שטעטל, פרעגט מיר מיט א צעמישטע בליק, "וואס גייט יעצט פאר? וואס זאגט יעדער?"

איך האב איר צוגעוויזן צו די מחיצה, א מחזה וואס נעמט איבער מיין הארץ יעדע מאל איך זע דאס. קליין און גרויס, טאטעס, און קינדער שטייען אויסגעדרייט צום ארון קודש, יעדער ארייגעטון אין זייער אייגענע תפילות און פערזענליכע בקשות אויף די אייגענע שפראך. יעדער גיסט אויס זיין הארץ צום מלך מלכי המלכים. זי האט געקוקט און זיך נישט געקענט אנזעטיגן. צו קען אן אויג בלייבן טריקן ווען מען זעט אזא לויטערע ריינע אמונה, אזא התרוממות אין די לופט. אבער די תמימות - אזא מתנה וואס מיר זענען זוכה צו באקומען דא.

**וואס האב איך פארלוירן דא אין ברסלב?**

גארנישט באמת, איך האב נישט פארלוירן אלע שיינע זאכן וואס מען האט מיר געלערנט אלץ קינד, איך האב נישט פארלוירן מיינע טייערע און שיינע מנהגים, איך האב נישט פארלוירן מיין געפיל צו זאכן וואס איך בין אויפגעוואקסן. פונקט פארקערט, איך האב געטראפן. איך האב געטראפן עצות און חיזוק וואס ברענגען מיר צוריק נאך שטערקער צו מיין מסורה. איך האב געטראפן א דרך וואס געט מיר א געפיל אין תורה ויראת שמים, וואס דערמאנט מיר די חשיבות פון א אידישע מאמע, די שיינקייט פון צניעות, די זיסקייט פון לעבן א פשוט'ע און באשיידענע לעבן.

איך האב געפונען א וועג וואס ברענגט מיר צוריק צו מיין אמת'ע מסורה. ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט "איך האב א נייע וועג וואס פירט צוריק צום אלטן וועג." דאס איז עפעס וואס מען זעט כסדר און מען הערט דאס ביי די שיעורים כסדר. ווי דער ראש ישיבה האט געשריבן אמאל אין עצתו אמונה, "קום נישט קיין ברסלב אפצולאזן די שיינע מנהגים פון דיינע עלטערן, לאז נאר איבער די עצבות און מרה שחורה" פארקערט קום מיט דיינע אוצרות און מאך עס נאך שענער.

א דריטע זאגט מיר "מיר טארן נישט פארגעסן די אומשאצבארע מתנה וואס מיר באקומען דא. די מתנה פון לעבן מיט א דעת תורה. די מתנה אז מיין מאן פרעגט אלע אונזערע ספיקות און שאלות פון א צדיק, פון א דעת תורה. עס איז אזוי ווייטאגליך צו זען ווי מענטשן דרייען זיך ארום צעמישט און פארלוירן און פרעגן יעדן'ס דעה און עצה, ווייל זיי לעבן אן א מורה דרך."

מיין שכנ'טע זאגט מיר: "איך הער אז דארט אין היכל הקודש 'מוז' מען אלעס פרעגן דעם ראש ישיבה." (הלוואי אייבערשטער מיר זאלן זוכה זיין אנצוקומען צו פרעגן אלעס וואס מיר דארפן וויסן...)

איך האב איר נישט געענטפערט ווייל דער ראש ישיבה זאגט כסדר: "שאקל מיט'ן קאפ, אזא סארט קאפ שאקל נישט ווי 'אמת - מסכים' נאר מער ווי 'איך האלט נישט ביים ארייגגיין אין די שמועס מיט דיר...'" גיי זיי מסביר די תורה על רגל אחת, עס איז דאך נישט שייך.

איך האב אבער געטראכט צו מיר אז די פרוי האט יעצט געהאט א שווערע באשלוס צו מאכן, זי האט זיך געמוטשעט מיט א קינד און נישט געוואוסט אין וועלכע מוסד ארייינצולייגן, זי האט געהאט אסאך ספיקות און שאלות. יעדע פלאץ האט געהאט זיינע מעלות און חסרונות, זי איז שיעור נישט אראפ פון זינען, נישט וואוסענדיג וואס צו טון. פון וואו ווייס איך? ווייל מיין שכנ'טע האט אזויפיל געגרעדט דערפון, יעדער האט געהערט דערפון, זי האט אנגעפרעגט יעדן, געהערט, אפגעפרעגט, פארענטפערט.

איך האב אויך אין יענע צייט געהאט א ספק - איך האב געפרעגט איין דעת תורה - געטון וואס מען האט געזאגט און געלעבט א לעבן. זי האט געהאט א ספק, געפרעגט א חשבון פון צוואנציג פרויען (דעתן קלות) און איז ארויס מער צעמישט ווי פריער און לעבט א לעבן וואס איז קיין לעבן נישט.

זי זאגט מיר "זאלסט וויסן עס איז נישט גרינג צו לעבן, דאס לעבן איז זייער קאמפליקעיטעט, און זאלסט וויסן ווי עלטער די קינדער ווערן אלץ שווערער ווערן די דאגות. קליינע קינדער קליינע דאגות, גרויסע קינדער גרויסע דאגות."

איך האב געשאקלט די קאפ מיט מיטלייד, איך האב נאר געוואלט צולייגן אפאר ווערטער צו איר דרשה.

זאלסט וויסן עס איז נישט גרינג צו לעבן (אן א מורה דרך). דאס לעבן איז זייער קאמפליקעיטיט (אן א מורה דרך) און זאלסט וויסן ווי עלטער די קינדער ווערן אלץ שווערער ווערן די דאגות (אן א מורה דרך). קליינע קינדער קליינע דאגות, גרויסע קינדער גרויסע דאגות (אן א מורה דרך).

א ווייבל זאגט מיר איין טאג אז עס איז איר זייער שווער זיך צו מכניע זיין אונטער דעת תורה. דאס דערמאנט מיר פון מיין קליינע אינגל וואס מיר האבן א טעגליכע דורכגאנג מיט אים, יעדן אינדערפרי די זעלבע שפיל. "קום לאמיר דיר העלפן אנטון" אבער מיין אינגל טענה'ט "ניין מאמי, איך קען אליינס."

צען מינוט שפעטער, די העמד איז אנגעטון פארקערט, די קנעפל נישט גוט פארמאכט. "קום צדיק, מאמי גייט דיר העלפן."

"ניין, איך בין גרויס, איך קען אליינס." איז מוטשעט ער זיך טאג איין און טאג אויס, און סוף סוף דארף אים מאמי ממילא העלפן.

אויב איינער 'דארף נישט' קיין הילף און קען זיך אליינס באגיין, איז דאס נישט אנדערש ווי א קינד. דאס איז קינדישע שכל.

עס איז בכלל נישט קיין חסרון צו האבן א חסרון. דאס זענען מענטשן, אזוי האט אונז דער אייבערשטער באשאפן. דאס איז שיין, אויב וואלט ווען געווען שיין א מענטש אן א חסרון וואלט דער אייבערשטער אונז אזוי געמאכט.

עס איז נאר א חסרון נישט אויסצוהערן א צווייטן וואס קען דיר העלפן מיט די חסרון. א קלוגע מענטש פרעגט, א נארישע מענטש בלאנזשעט.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל (ערב ל"ג בעומר) האבן מיר זיך דערזען אין עירפארט אז די זשי. פּי. עס. ארבעט נישט. מיר האבן פרובירט אהער און אהין, אנגעצינדן אויסגעלאשן, אבער ניין, עס כאפט נישט. די סים קארד כאפט נישט אויף אז מיר זענען אין ארץ ישראל און מיר האבן נישט קיין וועג ארויס פון עירפארט. האב איך געגעבן א פרעג מיין מאן, "אפשר קענען מיר אנהייבן פארן קיין ירושלים און מען וועט שוין פרעגן..."

"ניין," האט מיר מיין מאן מסביר געווען, מען מוז האבן א דשי. פּי. עס. מיר זענען אין א פרעמדע לאנד, מיר קענען נישט די וועגן, נאכדערצו דא אין ארץ ישראל, איין גאס קען זיין סעיף און די נעקסטע גאס קען זיין סכנת נפשות, מיר פארן נישט אן א "וועג ווייזער". ב"ה מען האט עס געקענט מסדר זיין ביי איינע פון די טישלעך אין עירפארט און א שעה שפעטער זענען מיר ארויס מיט אונזער "וועג - ווייזער."

מען קען נישט פארן אויף די וועג פון לעבן אן א מורה דרך, כל הדרכים בחזקת סכנה. די וועלט איז "פיינטליכע טערעטאריע." מיר זענען אין א סכנה יעדע מינוט פון פארגעסן פון תכלית און פון אמת. מיר מוזן זיך בייגן און אויסהערן דעת תורה. דאס איז נישט קינדיש און נישט נאריש, דאס איז די לעבן, דאס איז אייבערשטער, דאס איז אמת, דאס איז אמת'ע חכמה.

און פאר יעדע פון די מתנות אליינס איז 'דיינו' טויזענטער מאל.

איינע האט געזאגט אז מען קען נישט אנהייבן א שמועס פון די מתנות אין היכל הקודש איידער מען רעדט פון התבודדות. ווען דער ראש ישיבה האט געליינט די אקדמות דעם יום טוב האט זיך ממש געשפירט ווי ביטול הבחירה, דאס הארץ האט זיך פון פריש אויפגעוועקט און פארבענקט צום אייבערשטן. אפגערעדט ווען מען האט געהערט דעם "אנכי ה'" האט זיך געשפירט ממש ווי פון יעצט ביז קיינמאל וועל איך שוין נישט זארגן, דאגה'ן, זיך רעגן.

(לאמיר נישט רעדן פון ממחרת יום הכיפורים, אבער א נס פאר די לימוד פון "פון יעצט...")

נאכאמאל און נאכאמאל טרעפן מיר זיך דאנקען דעם אייבערשטן פאר די חסדים אז מיר ווייסן פון די עצה פון עפענען די מויל און אויסדערציילן אונזער ווייטאג, און זארג, אונזערע שאיפות, די דורכגעפאלענע שאיפות און אונזערע ספיקות.

איין פרוי האט מיר געזאגט אז עס לוינט איבערצוגיין צען מאל אלע זיבן וואסערן נאר זוכה צו זיין צו קונה זיין די עצה פון התבודדות. צומאל וואונדער איך זיך טאקע, "וויאזוי האב איך עס געמאכט אן התבודדות?"

איין אינדערפרי האב איך געהאט א נס, באמת. איך האב זיך אויפגעוועקט און שוין געזען אז די מצב היינט טויג נישט. איך האב שוין געוואלט לייגן אן X אויף די טאג. עס איז דא טעג וואס איך פלעג אמאל טראכטן "אקעי, היינט איז נישט, לאמיר שנעל ענדיגן דעם טאג און אנהייבן מארגן פון פריש." אזוי האב איך געפילט ווען די זייגער האט נאך געוויזן 7:50 אינדערפרי. קוים אנגעיאגט צו זאגן מודה אני און שוין איז אזויפיל זאכן געגאנגען מיט'ן קאפ אראפ. היינט איז נישט...

א שעה דערויף, די קינדער אין סקול און חדר, די בעיבי איז מסודר און איך טראכט צו זיך "עס איז סכנת נפשות! איך מוז ארויסגיין אויף העלפ - אויף טערעפי, יעצט." די וועטער איז געווען פיין לופטיג, פונקט גוט. ממש ווי דער רבי זאגט "עס איז גוט צו זיין פרום צווישן די ביימער." האב איך געכאפט א סעשין אויף די פרישע לופט אויף מיין פארטש (טעראסע).

וואס זאל איך ענק זאגן, טייערע שוועסטער, א נס אז מיר ווייסן פון רבי'ן. א נס אז מיר ווייסן פון די עצה פון התבודדות, פון תשובה, פון סבלנות מיט זיך אליינס.



פארנאכטס האב איך דערציילט פאר מיינע קינדער די נס וואס איך האב געהאט. איך האב געמיינט אז די טאג איז דערנאך און נאך אביסל התבודדות, בין איך געווארן אזוי פרייליך און אזוי מחוזק אז עס איז געווען נישט סתם א געשמאקע טאג, נאר מיט א שמיץ אריבער. ווען נישט די עצה פון התבודדות, וואלט שוין די טאג געווען "נישט."

פרעגט מיר מיין זון מיט תמימות, "מאמי, וואס האסטו געטון אמאל? האסט נישט תשובה געטון?"

זיין שאלה האט מיר ארויסגעטראגן פון קאך און צוריק אריינגעטראגן אין א וועלט פון זכרונות. וואס האב איך טאקע געטון אמאל? איך בין דאך נישט א גר צדק. איך האב דאך יא געוואוסט אז "עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט..." וואדאי האב איך געוואוסט אז מיר האבן א מצוה פון תשובה. האב איך דען נישט געוואוסט אז דער אייבערשטער דארף מיר און ווארט אויף מיר?

א גוטע שאלה. יא, איך האב געוואוסט פון תשובה, אבער תשובה איז געווען עפעס אזא ווייטע, הייליגע, ראש השנה'דיג זאך. עפעס פיר חלקים. חרטה, וידוי, עזיבת החטא, קבלה על העתיד. נאך יעצט זיצענדיג און שרייבענדיג קומט מיר אויף אין געדאנק די אלול

לופט, ווען איך פלעג דאס הערן פון מיינע לערערינס. עס איז געווען א "סיזענעל" זאך, א זאך וואס געהערט פאר א געוויסע תקופה.

יא איך האב געוואוסט פון תשובה, אבער עס האט זיך נישט אזוי גע'תשובה'ט. איך דאנק דעם אייבערשטן פאר די מתנה וואס איך האב זוכה געווען צו "טרעפן" אין היכל הקודש, די מתנה פון תשובה. דאס אז איך קען ארויסזאגן פון מיין מויל, "באשעפער זיי מיר מוחל וויאזוי איך האב גערעדט צו מיין מאן-קינדער- מאמע וכו'. אייבערשטער איך האב גערעדט לשון הרע, איך בין געווארן אין כעס, איך האב זיך פארלוירן, אבער אייבערשטער, איך וויל זיין גוט, איך טו תשובה, איך גיי מער נישט רעדן, טון אזוי..." דאס איז דאך אומשאצבאר.

אמאל האב איך זיך געדארפט בארעכטיגן מיין עוולה, ווייל א מענטש קען זיך דאך נישט זאגן כסדר "נישט גוט" אן א פלאן אויף ווייטער. אויב איך בין אדורכגעפאלן און איך האב נישט געוואוסט די פשטות פון "אייבערשטער איך הייב אן פון יעצט, באמת, באמת..." בין איך געווארן "זייער מיד און אפגעמוטשעט" און זיך געדארפט אראפלייגן, אדער צומאל שנעל געכאפט א טעלעפאן און געשמועסט מיט וועמען עס האט זיך געלאזט איבער אלץ און אלעמען, אבי נישט הערן מיין נשמה וואס מאנט (נישט ווייל איך האב נישט געוואלט, נאר ווייל איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון דערמיט) אדער זיך בארעכטיגט אז איך בין געווען גערעכט מיט מיין אומרעכט און זיך נאך געקאכט דערין, ווי דער הייליגער רבי זאגט "ער שניצט זיך אויס א רוגז"...

אין היכל הקודש האב איך געטראפן א וועג זיך צו באקענען מיט זיך אליינס. נישטא נאך אזא גוטע מוסר ספר ווי התבודדות. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר אז אין היכל הקודש איז זייער שטארק און שיין די מעשיות פון תפילה אבער מיר דארפן זיך מחזק זיין מיט די מתנה פון התבודדות.

דאס אליינס איז די שענסטע מעשה פון תפילה, "איך האב געבעטן דעם אייבערשטן טעג און וואכן (און צומאל חדשים און יארן) אז איך זאל זוכה זיין צו התבודדות און שכח אייבערשטער אז איך הייב אן שפירן א טעם."

א פרוי זאגט מיר איין טאג, "איך האב מורא פון התבודדות. איך האב מורא צו זיין מיט מיר אליינס." עס האט אן אמת וואס זי זאגט. ווען מען הייבט אן גיין התבודדות זעט דער מענטש ווער ער איז באמת. צומאל איז מען אזוי פארזינקען אין עולם התוהו אז מען זעט נישט די נגע עצמו, די אייגענע חסרון. מען איז אזוי איבערצייגט אז יעדער ארום מיר איז דער פראבלעם, איך בעצם בין מסודר. התבודדות איידלט אויס די בלוט. אוודאי איז נישט געשמאק צו שפירן ווי ווייט מען האלט, אבער ווי גוט און געשמאק איז אז דאס בלייבט צווישן מיר און מיין באשעפער.



און איך מוז צולייגן נאך א מתנה וואס איך האב באקומען אין ברסלב. חבר'טעס. מיינט נישט אז איך בין געווען אן איינזאמע פרוי ביז איך בין אנגעקומען אין היכל הקודש. ממש נישט. אבער דא האב איך געפונען אמת'ע חבר'טעס. שוועסטערס מיט וועמען איך קען זיך מחזק זיין אין עבודת ה'. נישט פשוט'ע חבר'טעס מיט וועמען איך קען שטופן די טאג, נישט די סארט וואס ווען איך לייג אראפ די טעלעפאן קלאפט מיר די הארץ "פאר וועמען וועט זי דערציילן וואס איך האב איר געזאגט, אדער פאר וועמען וועט זי מיר יעצט בארעדן?"

איך האב באקומען חבר'טעס וואס לעבן מיט העכערס, מיט א ציל, מיט א תמימות. חבר'טעס וואס מיר קלארן זיך ארויס איינער דעם צווייטן ווען די מח איז אין א קטנות. איך האב אפגעשמועסט מיט איינע פון מיינע חבר'טעס. "מיר מאכן א דיל (געשעפט). מיר דארפן נישט נייע ווערטער. איך זאג דיר היינט עפעס ווייל דו דארפסט חיזוק און דו זאג מיר מארגן צוריק די זעלבע ווערטער ווען איך דארף די חיזוק! עס איז נישט נייע דיבורים. עס איז דיבורים וואס מיר הערן און ווייסן, אבער דארפן זיך יעדן טאג פריש מחזק זיין.

אין ברסלב רופט מען דאס "שיחות חברים!!"

"גביל אולי רקיע - ווען אלע הימלען וואלטן געווען פארמעט...." וואלט מען נאך געקענט שרייבן און שרייבן, אבער עס נישטא די בלעטער און נישט די טינט און נישט די שרייבערס וואס קענען אפשרייבן אלע מתנות וואס מיר זענען זוכה צו מקבל זיין אין היכל הקודש. מיר דארפן נאר אסאך אסאך תפילה נישט צו פארגעסן דערפון און נישט צו אנטלויפן פונעם גאלד גריב צוליב אפאר צובראכענע שטיקלעך גלאז וואס זעט אויך פונדערווייטנס ווי עס גלאנצט.

וויפיל זענען מיר שולדיג פאר'ן אייבערשטן פאר די אלע אומשאצבארע מתנות?

איך האב טאקע גארנישט פארלוירן אין ברסלב, באמת. איר האט יא עפעס פארלוירן? איך דריי זיך דא ווייל איך האב אלעס געטראפן. איך האב געטראפן א וועג צו לעבן, א וועג צו לעבן מיט מיין באשעפער, מיט א וועג - ווייזער!



# Sugar cookies for shaping

## INGREDIENTS:

- 3/4 CUP SUGAR
- 3/4 CUP MARGARINE
- 1 EGG
- 2 TEASPOONS VANILLA EXTRACT
- 1/2 TEASPOON BAKING POWDER
- 1/4 TEASPOON SALT
- 2 1/4 CUP FLOUR

## DIRECTIONS:

1) MIX TOGETHER BAKING POWDER, SALT, AND FLOUR, THEN SET ASIDE.

2) IN A SEPARATE BOWL, COMBINE THE SUGAR AND MARGARINE. MIX UNTIL IT FORMS A SMOOTH CREAM.

3) ADD THE EGG AND VANILLA TO THE SUGAR MIXTURE. MIX UNTIL COMBINED.

4) SLOWLY POUR THE DRY INGREDIENTS INTO THE WET MIXTURE. BEAT TOGETHER UNTIL A NICE DOUGH FORMS.

5) USING A ROLLING PIN, ROLL THE DOUGH TILL IT IS 1/4 INCH THICK. USE A COOKIE CUTTER/SHAPER TO CUT OUT THE DESIRED SHAPE. TRANSFER COOKIES ONTO A LINED COOKIE SHEET.

6) BAKE ON 350° FOR 12 MINUTES OR UNTIL THE BOTTOM OF THE COOKIE STARTS TO TURN GOLDEN. DO NOT OVERBAKE!



ג. פעקעטע

# פלאנצן מיט הארץ

מען האלט שוין סוף יאר, מיין טאכטער'ס לערערין האט זיי געוואלט איבערלאזן מיט א שטארקע לימוד אפצוענדיגן די יאר.

פאר שבועות האט מען געמאכט א פלענט. יעדער האט באקומען גלאז, זאמד און קערנדלעך, און מען האט זיי געוויזן ווי אזוי איינצופלאנצן א קערל אין דער ערד אז עס זאל אנהייבן וואקסן. אבער דאס על פי רוב טוען אלע קינדער דורכאויס די יארן ערב שבועות, און מען שיקט אהיים מיט'ן קינד א שיינע פלענט לכבוד יום טוב.

דא אבער, האט די לערערין געזאגט אז מען גייט מאכן אביסל אנדערש, מען גייט אויסשטעלן די פלענטס אלס עקספערימענט, מען גייט מאכן אן אינטערעסאנטע זאך מיט די פלענט. יעדער האט באקומען דריי גלעזלעך, און פאר מען האט אנגעהויבן אנפילן די קאפס מיט די זאמד אדער קערעלעך, האט די לערערין געזאגט קלאר: "יעדער זאל זיך אראפזעצן, נישט צורירן, נישט צו די קאפ, נישט צו די זאמד און נישט צו די קערעלעך, ווייל זי האט א וויכטיגע זאך זיי צו זאגן פאר זיי הייבן אן איינפלאנצן."

זי האט זיי מסביר געווען אז פונקט ווי מענטשן, דארפן פלענטס אויך האבן אסאך קעיר, מען דארף זיך באשעפטיגן מיט זיי כדי זיי זאלן וואקסן א שיינע, געזונטע פלענט.ביים פלאנצן איז דא אפאר יסודות וואס זענען קריטיש וויכטיג כדי אז א פלענט זאל קענען אנהייבן וואקסן:

1. די ערשטע זאך ווייסט יעדער אז עס דארף האבן וואסער, עס זאל נישט זיין פארטריקנט, עס זאל קענען אנהייבן שפראצן און וואקסן.

2. די צווייטע זאך איז אויך גוט באקאנט, אז עס דארף האבן זון, עס דארף האבן אסאך שעה יעדן טאג וואס ס'זאל כאפן זון שטראלן, וואס דאס ווארעמט אן די פלענט און מאכט אויך אז עס זאל שיין ארויסוואקסן.

3. די דריטע זאך ווייסט נישט יעדער, און צומאל אפילו מען ווייסט עס פארגעסט מען, אדער פארנאכלעסיגט מען דאס, ווייל מען ווייסט נישט ווי ווייט ס'איז וויכטיג פאר די געוויקס, פאר די פלענט.

וואס איז דאס? די פלענט דארף האבן אסאך ליבשאפט און ווארעמקייט פון א מענטש!

ס'איז נישט גענוג מ'זאל נעמען א קאנטעינער, לייגן קערעלעך אין זאמד, עס באגיסן מיט וואסער, און לייגן אויף די זון, און האפן ס'זאל וואקסן, נאר... מ'דארף אויך זיך טשאטשקענען מיט דעם, עס אויסלויבן, און עס אריינגעבן גוטע ענערדשי, גוטע וויבס, און אזוי וואקסט עס פיל שענער - האט די טיטשער זיי מסביר געווען.

יעצט - האט זי געזאגט - זענען מיר גרייט אנצוהייבן פלאנצן.

אבער די פלענטינג גייט זיין אלס אן אינטערעסאנטע עקספערימענט, מען גייט מאכן דריי עקסטערע פלענטס. איין גלאז גייט מען שטארק אראפקלאפן און פארשעמען און זאגן: 'דו גייסט נישט וואקסן, דו קענסט נישט וואקסן, און איך בין זיכער אז עס גייט נישט ארויסוואקסן פון דיר א שיינע פלענט'. און אזוי קלאפעדיג האט יעדע איינע איינגעפלאנצט די קערל מיט די זאמד אין די פלענט וואס זיי גלייבן אויף זיכער אז עס גייט נישט ארויסגעבן קיין שיינע בלעטלעך און ביימער.

נאכדעם האט מען גענומען די צווייטע פלענט, מען האט גענומען א גלאז מיט זאמד און קערעלעך, און די טיטשער האט געזאגט שטרענג, אז צו די פלענט קען מען נישט רעדן. שטילערהייט האט מען אריינגעלייגט אלעס אין די גלאז און עס געשטעלט אינדערזייט אן געבן קיין איין ווארט, און אנגעצייכנט אז דאס איז די פלענט וואס מען האט בכלל נישט גערעדט צו דעם.

די דריטע פלענט - האט די טיטשער מסביר געווען - גייט מען אויסלויבן און אויסרימען און אנווארעמען מיט לויב ווערטער, און זאגן: 'דו קענסט וואקסן' 'דו גייסט וואקסן' 'דו ביסט אזא גוטע פלענט' 'ביסט אזא שיינע פלענט' 'איך גלייב אז עס גייט ארויסוואקסן פון דיר די שענסטע פלענט וואס איז נאר אמאל געווען'. אזוי האבן די מיידלעך געטון, זיי האבן גענומען איין גלאז, און בשעת מען הייבט אויף די גלאז און מען נעמט די זאמד, און מען שטעקט אריין די קערל אין די זאמד, האבן זיי אלע אויסגעלויבט די פלענט און געזאגט: 'דו גייסט אויסוואקסן אזא שיינע פלענט, דו ביסט אזא גוטע פלענט, איך קען שוין קוים ווארטן צו זען ווי שיין דו גייסט אויסקוקן ווען דו ביסט שיין געוואקסן און גרויס'. דערנאך האט מען איר געלייגט אין א זייט, און אנגעצייכנט אז דאס איז די פלענט וואס מען האט געגעבן אזויפיל גוטע ווערטער.

**איינס איז געווען אויסגעמאלן אויף דעם א שמייכל, איינס איז געווען אויף דעם א פארמאכטע גראדע מויל, און די דריטע האט געהאט א אויסגעדרייטע מויל אויף אראפ.**

די טיטשער האט זיי אנגעזאגט אנווייזונגען וואס צו טון מיט די פלענטס. מען דארף עס אהיימטראגן, לייגן ביי די פענסטער עס זאל באקומען גענוג זון, און יעדן טאג דארף מען עס באוואסערן, און נישט סתם באוואסערן נאר לויט די שטייגער פון יענע פלענט.

די פלענט וואס מ'האט איינגעפלאנצט מיט קריטיק און ווערטער וואס דערנידערן זאל מען אזוי וואסערן בשעת'ן אראפנידערן און זאגן: 'דו גייסט נישט אויסוואקסן א שיינע פלענט, און איך האלט אז דו קענסט נישט ארויסגעבן קיין שיינע בלעטלעך, עס וועט זיכער גארנישט ווערן פון דיר פלענט".

די צווייטע פלענט בשעת מען באוואסערט עס, זאל מען גארנישט רעדן און גארנישט טראכטן.

און די דריטע פלענט, וואס מ'האט איינגעפלאנצט מיט גוטע ווערטער, בשעת מען געבט עס וואסער, די זעלבע מאס ווי די אנדערע פלענטס און מ'לייגט עס ביי די זון פונקט ווי די אנדערע פלענטס זאל מען עס אנגיסן מיט גוטע ווערטער און זאגן: 'דו גייסט אויסוואקסן אזא שיינע פלענט, דו

גייסט אויסוואקסן אזוי שיין און זיס, איך קען זיך שוין פארשטעלן ווי שיין דיינע בלעטלעך גייען זיין, און קוק דו קענסט אזוי גוט, און איך גלייב אז דו גייסט עס מאכן און דו גייסט ארויסגעבן שיינע בלעטער'.

אזוי זאל מען עס יעדן טאג קעיר נעמען און טוען די פונקטליכע אנווייזונגען, און נאך א שטיק צייט וועט מען זען קלארע רעזולטאטן.

מיין טאכטער איז אהיימגעקומען מיט דריי גלעזער, איינס איז געווען אויסגעמאלן אויף דעם א שמייכל, איינס איז געווען אויף דעם א פארמאכטע גראדע מויל, און די דריטע האט געהאט א אויסגעדרייטע מויל אויף אראפ, און זי האט מיר מסביר געווען די פונקטליכע אנווייזונגען וואס די טיטשער האט זיי אנגעזאגט.

פארשטייט זיך אין מיין מח האב איך קלאר געזען - חינוך. דאס איז אט וואס עס מיינט פלאנצן ביימעלעך, אויפציען קינדערלעך. לעצטע וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ביים שיעור ליל ששי - וועלכע ניגון מ'זינגט און שטוב, אזוי ווערט די שטוב. וואס דו וועסט זינגען פאר דיין קינד, וועלכע ניגון דו וועסט אים באזינגען, אזוי וועט ער וואקסן. ווערסטו זאגן פאר דיין קינד, דו קענסט און דו ביסט, דו טויגסט, אוי ווי ער וועט טויגן. וועסטו אים זינגען א ניגון, דו קענסט נישט, און דו ביסט נישט, און דו גייסט נישט, אוי ווי ער וועט נישט קענען.

און אז דו וועסט גארנישט זאגן, דארף עס האבן גרויס רחמים.

כאטש מיר אלע אידישע מאמעס טוען אונזער ארבעט, ס'איז נישטא קיין מאמעס וואס געבן נישט עסן, אדער טוען נישט אן, אדער לייגן נישט שלאפן קינדער, אבער... ווי אזוי טוסטו עס? מיט וועלכע ניגון זינגסטו עס?

יעצט לאמיר זען וואס איז טאקע אויסגעוואקסן פון אונזער פלענטס. ס'איז אריבער דריי פיר וואכן - פון יעדן טאג נעמען די פלענט און זינגען צו די פלענט זיין ניגון, דו קענסט, דו ביסט, און דו וועסט. אדער, דו קענסט נישט, דו וועסט נישט, און דו ביסט נישט. אדער פשוט טון די אנווייזונגען אן קיין שום געפיל אדער ווארעמקייט, אדער גוטע ווערטער. און די תוצאה איז געווען שטוינענד... די פלענט וואס מען האט אויסגעלויבט איז געוואקסן שיין, ס'האט ארויסגעגעבן צווייגעלעך און בלעטעלעך.

די פלענט וואס מען האט קיין שום ווערטער איר געגעבן, איז געבליבן די קערל שטיין ווי פריער. אבער די דריטע פלענט, ווי אינטערעסאנט צו אנמערקן, איז געווארן אינגאנצן פארשימלט, קיין זכר פון קיין געוויקס איז נישט געווען, נאר ס'האט געהאט צייכענעס פון שימל אויף אלע זייטן ארום און ארום.

טייערע אידישע מאמעס, ס'לוינט זיך, ס'לוינט זיך, ס'לוינט זיך, צו גיסן גוטע ווערטער, "מיין טייערע צדיק דו קענסט יא, דו ביסט יא, דו וועסט אויפוואקסן אזוי חשוב און טייער און הייליג ביים אייבערשטן". "מיין טייערע צדיקת'ל דו ביסט אזוי חשוב און באליבט, דער אייבערשטער רימט זיך מיט דיר, מיט דיין ערליכקייט, דיין כיבוד אב ואם, דיין אחדות און צניעות, דו ביסט אזא טייער קינד, טאטי מיט מאמי האבן דיר ליב, דער אייבערשטער האט דיר ליב".

און ווארט נאר ווארט, ווען דו וועסט קענען צוקוקן א שיין געבליטע גארטן פון הערליכע פירות, אלעס מיט געבן גוטע ווערטער, אן א שיעור.

אוודאי און אוודאי דאס ערשט איז גיסן טייכן טרערן, און בעטן דעם אייבערשטן אז די קינדער זאלן וואקסן געזונט און ערליך.

אויב הערט זיך עס אביסל איבערגעטריבן, אדער אומגלויבליך, אדרבה, פארבינדט זיך מיט מיין טאכטער צו הערן די פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי צו טון די עקספערימענט. דו וועסט עס אליין קענען בייוואוינען און זען מיט דיינע צוויי אויגן.

דאס איז אבער די קינדערישע און אינטערסאנטע זייט פון די מעשה, אפשר פרובירסטו אויס די זעלבע עקספערימענט, אוודאי נאר צום גוטן, מיט דיינע קינדער.

יעצט איז דאך די צייט פון יאר פון שפראצן, וואקסן און בליען. דו קענסט טון די זעלבע זאך מיט דיינע ביימעלעך, דיינע יונגע קינדער, און נאכדעם אפשניידן אזעלכע זיסע, געזונטע, שטארקע פירות סוף זומער.

מאך עס דיין עקספערימענט. הייב אן גיסן גוטע ווערטער אויף יעדע קינד, אדער אויף די איין קינד וואס פרובירט דיר אויס און דו פילסט ווי דו האסט נישט קיין וועג מיט די קינד, געב עס אזויפיל גוטע ווערטער, ביז דו וועסט זען אז עס הייבט אן וואקסן און בליען.

פארשטייט זיך כדי צו געבן גוטע ווערטער וועסטו עפעס דארפן טרעפן גוטס אין די קינד, אפשר איז דאס די נקודה טובה וואס דער רבי לערנט אויס, וואס דאס זיכן עפעס גוטס קען איבערדרייען א מענטש. הייב אן, פראביר עס אויס, וועסט דיך אליין דאנקען סוף זומער.

**"באשעפער העלף מיר פלאנצן מיינע קינדער און דיינע ביימעלעך ריכטיג. העלף מיר זען גוטס און מיין קינדער און זיי אויסרימען און אויסלויבן, מחנך זיין אויפ'ן רבינ'ס וועג."**


LOOK!
WE'RE OPEN
OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5
CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.
EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND
845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779
OPTICAL AT
RefuahHealth
1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

# קינדער פלעטל

## שבועות פארמעסט געווינער

נפתלי און יוסי אינדיג
- קרית ברסלב





# באשעפער העלף ס'זאל רעגענען

- מענטשערליך

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם פון אנשי שלומינו: "איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט וועלן, נאר די תורה".

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: עס איז נישט מעגליך צו זיין א איד אן**

א. תפלה
ב. שמחה
ג. התבודדות
ד. סבלנות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "די ניגון פון אקדמות מאכט בענקען צום אייבערשטן!"

## געב א שמייכל

**וואס האט אן אייס קרעם מיט א דזשי. פי. עס.?**

ענטפער פון פאריגע וואך:

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

**נא. מָשִׁיחַ יָבוֹא בִּשְׁנַת בְּרָכָה.**

מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.



# שרייב טישל

## לאמיר ציך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **ישראלי פעקעטע – מאנסי**



# מענטשערליך

ווער הָאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה? הָאט רֶבִּי גְלִיק גֶעפְרֶעגְט.

"אוּנְזֶער בֶּעיבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהוּסְט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל שׁוֹין פִּילְן בֶּעסֶער אוּן שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִי אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט".

"זֵייעֶר שֵׁיין הֶערְשִׁי; וֶוער נָאךְ הָאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה?"

"אִיךְ בֶּעט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין פֶּעטֶער זָאל וֶוערְן אַ חָתָן", הָאט רְפָאֵל גֶעזָאגְט. "אָבֶּער עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוָוארְן".

"דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה", הָאט רֶבִּי גְלִיק גֶעזָאגְט, "רְפָאֵל, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס אַ יֶעדֶע תְּפִלָּה אוּן אַז דַיין פֶּעטֶער גֵייט וֶוערְן אַ חָתָן?"

"אַוַודַאי! הָאט רְפָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"קִינְדֶער אִיךְ וִויל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אַ מַעֲשֶׂה פוּן גְמָרָא פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן.

"טַאטִי, אִיךְ בִּין דוּרְשְׁטִיג, אִיךְ דַארְף וַואסֶער" הָאט בְּצַלְאֵל גֶעקְרֶעכְצְט.

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעקוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיין קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

"מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע זְכִיָּ' אַז מִיָּרק עִנְיָן עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, אַרוֹיפְגֵיין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב. עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר הֵייס אוּן אַלֶע קְוֶועלֶער זֶענֶען לֵיידִיג, וַוייל עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אָבֶּער בַּאלְד קוּמֶען מִיר אָן צוּ יְרוּשָׁלַיִם אוּן דָארְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן צוּ טְרִינְקֶען.

אֵיין רֵייכֶער גוֹי'שֶׁער הֶער הָאט גֶעהַאט 12 קְוֶועלֶער אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער אוֹיף דִי וֶועג וואוּ דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען. נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עוֹשֶׁר הָאט גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן שְׁלֶעפְּן זִיךְ אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע וֶועגְן אָן קַיין וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען. עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶער גוֹי, "בַּארְג מִיר דִי קְוֶועלֶער וַואסֶער בִּיז דִי אוּן דִי טָאג אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיקְצָאלְן".

"וִוי אַזוֹי?" הָאט דֶער גוֹי גֶעלַאכְט, "דוּ הָאסְט עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן וַואסֶער?" נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נֵיין, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע קְוֶועלֶער וֶוערְן צוּרִיק פוּל".

"אוּן וָואס וֶועסְטוּ מִיר גֶעבְּן אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט רֶעגְעֶנֶען?" הָאט דֶער גוֹי גֶעפְרֶעגְט, נִישְׁט וִויסְנְדִיג דִי כֹּחַ פוּן אַ אִידִישֶׁע תְּפִלָּה.

"אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן 12 זִילְבֶּער שְׁטִיק" הָאט נַקְדִּימוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"דָאס אִיז אַ גוּט גֶעשֶׁעפְט!" דֶער גוֹי הָאט גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן גֶעלָאזְט דִי אִידְן נִיצְן זַיינֶע קְוֶועלֶער. אוּן נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי וַואסֶער אִין צַייט. אָבֶּער עֶס אִיז וַוייטֶער נִישְׁט גֶעפַאלְן קַיין רֶעגְן.

קְנַאק! קְנַאק! נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן עֶפְנְט אוֹיף זַיין טִיר צוּפְרִי, אוּן עֶר זֶעט פַאר זִיךְ אַ שְׁלִיחַ פוּן דֶער רֵייכֶער גוֹי, "דֶער טָאג פוּן בַּאצָאלְן פַאר דִי קְוֶועלֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶערֶעגְנְט" - הָאט דֶער שְׁלִיחַ גֶעזָאגְט - "גִיבּ שׁוֹין אַהֶער דָאס גֶעלְט!"

נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט רוּאִיג "דִי טָאג אִיז נָאךְ לַאנְג, אוּן דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז מַיין" עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וֶוען דִי זוּן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְמִיטְן הִימְל, אָנְהוֹיבּ נָאכְמִיטָאג, הָאט דֶער גוֹי גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַ שְׁלִיחַ, "אָדֶער וַואסֶער, אָדֶער גֶעלְט", הָאט דֶער שְׁלִיחַ שְׁטְרֶענְג גֶעפָאדֶערְט.



בילדער ח. שטיינבערג



נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן - "אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צַייט אִין טָאג" - הָאט עֶר גֶעזָאגְט.

סוֹף טָאג, אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי צַייט וֶוען נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן דַארְף צוּרִיקְצָאלְן, אִיז נָאךְ אַ שְׁלִיחַ גֶעקוּמֶען צוּ אִים - "גִיבּ מִיר שׁוֹין דִי 12 זִילְבֶּער שְׁטִיק" - הָאט דֶער גּוֹי פַארְפִירְט.

נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקט מִיט אֱמוּנָה אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נָאךְ דָא אַבִּיסְל צַייט אִין טָאג, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּהֶערְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶר וֶועט שִׁיקְן רֶעגְן".

וֶוען דֶער הֶער הָאט גֶעהֶערְט זַיין עֶנְטְפֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן: "אַ גַאנְץ יָאר הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אוּן פּוּנְקְט יֶעצְט, אִין דִי פָּאר מִינוּט וֶועט רֶעגֶענֶען? הַא! הַא! הַא!"

דֶער גּוֹי אִיז פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט גֶעגַאנְגֶען זִיךְ וַואשְׁן, גְרֵייטְנְדִיג זִיךְ צוּ בַּאקוּמֶען דִי אוֹצָר פוּן גֶעלְט בִּיז אַפָּאר מִינוּט, וֶוען דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער.

נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי גֶעשֶׁעפְט פַאר מַיין כָּבוֹד, נָאר פַאר דַיין כָּבוֹד, אַז דִי אִידְן וֶועלְכֶע קוּמֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין זָאלְן הָאבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, הֶעלְף מִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן שִׁיק רֶעגְן".

אִינְדְרוֹיסְן אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן פַארְוָואלְקְנְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, בִּיז אַלֶע 12 קְוֶועלֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט מֶער וַואסֶער וִויפִיל דֶער גּוֹי הָאט גֶעהַאט גֶעבָּארְגְט.

נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן הָאט גֶעדַאנְקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס, אוּן אִיז פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶער רֵייכֶער הֶער. "גִיבּ מִיר דִי גֶעלְט פַאר דִי אִיבְּרִיגֶע וַואסֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן" - הָאט נַקְדִּימוֹן אִים גֶעזָאגְט.

דֶער גּוֹי הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹצָר פוּן זִילְבֶּער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעהָאפְט צוּ בַּאקוּמֶען: "אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן גֶעמַאכְט עֶס זָאל יֶעצְט רֶעגֶענֶען נָאר וֶועגְן דִיר, אָבֶּער... דִי זוּן אִיז שׁוֹין אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אוֹיבּ אִיז שׁוֹין נַאכְט, הָאט עֶס גֶערֶעגְנְט אִין מַיין צַייט, אוּן דוּ דַארְפְסְט מִיר בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט!" - הָאט דֶער גּוֹי פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְהַאנְדְלֶען, וַוייזְנְדִיג אוֹיף דִי פַארְוָואלְקְנְטֶע הִימְל וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁטַארְק טוּנְקְל.

נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וַוייז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דוּ הָאסְט לִיבּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ הֶערְסְט אוֹיס זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דוּ מַאכְסְט נִיסִים פַאר זֵיי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, דִי זוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אִיר פְּלַאץ, אוּן נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, דִי וָואלְקֶענֶעס הָאבְּן זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אוּן דִי זוּן הָאט וִוידֶער בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט.

דֶער גּוֹי הָאט גֶעזָאגְט צוּ נַקְדִּימוֹן בֶּן גּוּרְיוֹן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט פוּן דִיר יֶעצְט, וַוייל דִי זוּן שַׁיינְט, אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַזַא גְלִיקְלִיכֶע פָּאלְק. עֶנְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶנְק דַארְפְן, אוּן עֶר גֶעבְּט עֶנְק! נִישְׁט אֵייבִּיג עֶנְטְפֶערְט עֶר גְלַייךְ, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט עֶנְקֶערֶע תְּפִלּוֹת, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט עֶנְק.

"טֵייעֶרֶע קִינְדֶער! - הָאט רֶבִּי גְלִיק גֶעזָאגְט - לָאמִיר וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אוּן אֲפִילוּ מִיר בַּאקוּמֶען עֶס נִישְׁט גְלַייךְ, לָאמִיר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן. וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ אוּן עֶר וַוארְט פַאר אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת. לָאמִיר בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף, אַז אִיךְ זָאל אֵייבִּיג רֶעדְן צוּ דִיר אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, אוּן וָואס אִיךְ דַארְף זָאל אִיךְ בֶּעטְן נָאר פוּן דִיר".



# קליין און פיין


יואל בירנבוים


פיגא פרידריך


ביניש שארף


שמואל בירנבוים



רבקה יאקאבאוויטש


דינה און הערשי יאקאבאוויטש


יוטי שטיינבערג


ישראל דוד און אברהם נחמי' וויינבערגער

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



לאה ברוין



צפורה בירנבוים



רחי אײנהארן





יוסי ראטה



שניאור זלמן פערל



יחזקאל הײלפרין



נחמן נתן בלום



משפחת שניצלער

# Hello Doctor, I have seasonal allergies.

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™

**With Medease, Telehealth is now a reality in our community.**
Speak with one of our experienced providers by phone, describe your symptoms, and get treatment. It's that simple.
**Schedule your same-day appointment today.**

ash pinexteam

Hello Doctor — 718.208.2030
Covered by Medicaid and most major New York insurances.

Medease
CARE AT HOME

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



סיום הש"ס פון הבה"ח איציק מענדלאוויטש ני"ו



הגאון ר' מאיר צוויבל שליט"א רעדט צו די תינוקות של בית רבן אין ת"ת היכל הקודש ברסלב קרית יואל



ביים פארדעכטן די ארייגאנג צום בת המדרש אין שטעטל



דערקוויקעניש סטאנציעס איבערן שטעטל אהער געשטעלט דורכן בית התבשיל



ערב יו"ט ביים אינסטאלירן די ווייבער שול פלאר



מען אינסטאלירט די טרעפ ארויף צום נייעם ווייבער שול



ביים פערטיגן די אריינגאנג צום נייעם ביהמ"ד



עס ווערט דעליווערט די סוער סיסטעם





ביים צוענדיגן די נייע מקוה





דער ראש ישיבה שליט"א ביים באטראכטן די ארבעט פון צוענדיגן די נייע ביהמ"ד אין שטעטל אויף יום טוב





מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו ביים צוגרייטן די בלומען פארן נייעם ביהמ"ד לכבוד שבועות



די נייע ביהמ"ד אין שטעטל שיין אנגעגרייט לכבוד שבועות - ערב שבועות תשפ"ה





קביעת מזוזה אינעם נייעם בית המדרש ערב יום טוב



ביהמ"ד ירושלים



ביהמ"ד יבנאל שיין אנגעגרייט לכבוד שבועות



ביהמ"ד אלעד











פרייליכע טענץ אינעם נייע ביהמ"ד אין שטעטל





חתונה אין ישיבה פון החתן מרדכי נ"י בן מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו עב"ג בת מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א



לחיים און תנאים פון החתן זאבי ראטה ני"ו
עב"ג בת מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו



שיעור ליל שישי פרשת במדבר



וואך נאכט פון בן מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו



ברית פון בן מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו



הנחת תפילין פון הבחור חיים דוד ראזענבערג ני"ו



בר מצוה פון בן מו"ה יואל פארקאש שליט"א גבאי
בית המדרש היכל הקודש קרית יואל

זיין
חיזוק
יומי,
אייער
זכות
נצחי

נעקסטע וואך

*sruliHeskel